# ווֹאלין אין לעבן און חורבן

# ילקוט ווהלין

## זאמלונג פון זכרונות און דאקומענטן

רעדאקטירט פון **א. אבטיחי** און **נ. ליבנה**

דריטער באנד | זאמלהעפט 21 | אלול תשכ"ו

## אינהאלט:

| | | |
|---|---|---|
| וואָלינער יידן אין אמעריקע רופן פארן „היכל וואָלין" . . . . . . . | | 3 |
| דער מאָנומענט . . . . . . . . | וועלטס־פארבאנד פון וואָלינער לאנדס־לייט | 4—5 |
| מיר בויען . . . . . . . . | א. אבטיחי | 5—6 |
| ח. נ. ביאליק אין וואָלין . . . . . . . | | 6 |
| מיין היים (פראגמענט) . . . . . . | ש. סקולסקי | 7—8 |
| פארוואָס דווקא וואָלין . . . . . . | נ. ליבנה | 8—10 |
| מיין וועג קיין ארץ־ישראל . . . . . . | ע. יגורי | 10—11 |
| רבי אהר'לע קארלינערס יאָרצייט אין מלינאָוו . . . | ס. בארדיטש־גאָלדבערג | 11—12 |
| **דיכטער און שרייבער:** | | |
| שמואל מילער . . . . . . . . | ש. לערנער | 12 |
| י. י. סיגאל . . . . . . . . | מ. מאן | 13 |
| **מעצענאטן:** | | |
| אברהם שייקיס . . . . . . . . | ט. טשעקווער | 13—14 |
| לעאָ טשעקווער . . . . . . . . | א. אבטיחי | 14—16 |
| אברהם גודמאַן . . . . . . . . | נ. פירער | 16—17 |
| **קהילות:** | | |
| פעטליורעס הערשאַפט אין זשיטאָמיר . . . . . | י. טאַבאַטשניק | 17—18 |
| געווען אַ שטאָט לוצק . . . . . . . | י. רעצעפטאר | 19—20 |
| 24 יאָר צום אויפשטאַנד אין געטאָ לוצק . . . | א. אלחנני | 20—21 |
| זכרונות פון אוסטילער חורבן . . . . . . | א. שמוקלער | 21—24 |
| פון חורבן טשודנאָוו . . . . . . . . | פוניא | 24—25 |
| ראטנער קדוש, בנימין פריימאַן . . . . . . | וו. גראבאָוו | 25—26 |
| געראטעוועט פון ראָוונער ברידער־קבר . . . . | ב. חנקין (גארין) | 26—28 |
| מיזאטשער יידן אויף צאנגס־ארבעט . . . . | נ. קאפיט | 29 |
| **געשטאַלטן:** | | |
| עדה יגורי . . . . . . . . . | יומן יגור | 30 |
| זלמן (זיאמע) גארין . . . . . . . . | ש. שיכאטאוו | 32 |
| מרדכי נעכעס . . . . . . . . . | " | " |
| מאטעס שליף . . . . . . . . . | " | " |
| **ידיעות:** | | |
| אין דער פעדעראציע פון וואָלינער יידן אין אמעריקע | | |
| מעקסיקאָ, אַרגענטינע און בראזיל . . . . . | | 32 |
| פראנקרייך . . . . . . . . . | | " |
| **לאנדסמאַנשאַפטן אין ישראל:** | | |
| קאָוועל, קרעמעניץ, דרושקאָפאָל, באַזאַר, אוסטילע, טרוויץ, אָסטראָזשעץ, פאטשאיעוו . . . . . | | 33—35 |

אַרויסגעגעבן פון וועלט־פארבאנד פון וואָלינער יידן ● תל־אביב

# צום נייעם יאר תשכ"ז

שיקט דער וועלט פארבאנד פון די וואלינער יידן, צענטראלע אין ישראל

## זיינע בעסטע ווינשן און ברכות:

דער מדינת ישראל,
סוכנות יהודית לא"י,
„יד ושם" ירושלים,
יידישן אלוועלטליכן קאָנגרעס,
התאחדות יוצאי ברית־המועצות,
שטאָט־פארוואלטונג גבעתיים,
פעדעראציע פון די וואָלינער יידן אין אמעריקע,
פאראייניקטן וואָלינער קאָמיטעט אין פראנקרייך,
די חברים פון ערן־קאָמיטעט, ראט, פארוואלטונג
און קאָמיסיעס פון וועלט־פארבאנד.

**אלע פריינט און עסקנים פון איגוד עולמי של יוצאי ווהלין אין ישראל און אין דער גאָרער וועלט, אַלע תורמים פארן אויפשטעלן דעם „היכל וואָלין"**



דער „היכל וואלין"

# וואָלינער יידן אין אַמעריקע רופן פאַרן „היכל וואָלין"

ניו־יורק, (איט"א). — אַ גרופּע פּראָמינענטע וואָלינער יידן אין אַמעריקע, צווישן זיי רעליגיע־זע פירער, כלל־טוער, שרייבער און קולטור־טוער האָבן ארויסגעלאָזן אַ רוף צו זייערע לאַנדסלייט איבער דער וועלט, זיי זאָלן העלפן בויען דעם „היכל וואָלין" אין ישראל ווי אַ מאָנומענט נאָך די קדושים און קהילות און טויזנט יאָר שעפעריש ידיש לעבן אין וואָלין.

שוועסטער און ברידער פון גאַנצן שטח וואָ־לין, ווערט געזאָגט אין אויפרוף, מיר ווענדן זיך צו אייך מיט אַ רוף איר זאָלט העלפן פאַראיי־ביקן דעם אָנדענק פון די וואָלינער קדושים און פון טויזנט יאָר שעפעריש יידיש לעבן אויף אַלע געביטן דורך אויפבויען אין גבעתיים, ישראל, דעם „היכל וואָלין". אין דעם צענטער וועלן פאַראייביקט ווערן די וואָלינער פאַרשני־טענע קהילות און קדושים וואָס זענען אומגע־קומען אין די יאָרן פון דער קאַטאַסטראָפע פון 1939 ביז 1944. דאָס וועט זיין אַ ווירדיקער מאָנומענט, אין וועלכן ס'וועלן איינגעזאַמלט ווערן היסטאָרישע מאַטעריאַלן און שאַפונגען פון טויזנט יאָר יידיש לעבן אין וואָלין. דער איינגעזאַמלטער גייסטיקער אינהאַלט וועט ווייזן אונדזער איצטיקן דור און די קומענדיקע דורות דאָס רומפול נאַציאָנאַל און הארציק יידיש לעבן אין וואָלין, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט און געשאַפן אפילו אונטער באַדינגונגען פון רעכט־לאָזיקייט, באַגרעניצונגען און אונטערדריקונג.

מיר רופן אייך העלפן בויען דעם „היכל־וואָלין", וואָס וועט זיין אַ ווירדיקער מאָנומענט פאַר די גדולי התורה און די גייסטיקע ריזן אויף שעפערישע געביטן, וואָס האָבן געלעבט און געשאַפן אין וואָלין. אין דעם קולטור צענטער וועט איינגעזאַמלט ווערן אַלץ וואָס האָט היס־טאָרישע באַדייטונג, אַלץ וואָס איז פאַרבליבן און אַלץ וואָס איז געלונגען אַפּצוראַטעווען פון וואָלינער אומגעבראַכטן יידישן לעבן. אַלץ וואָס קען פאַרבינדן דעם נעכטן און דעם היינט מיטן מאָרגן, און שטויסן צו נייע שאַפונגען.

וואָלינער יידן אומעטום, צו וועמען אונדזער רוף דערגרייכט:

מיר בעטן אייך, שטייט ניט אָפּ פון וועיטן. דער ענין „היכל וואָלין" איז אויך אייער ענין. שליסט זיך אָן, באַוועגט אייערע פריינט, קומט אריין ווי גלייכע שותפים מיט אנדערע, העלפט בויען די הייליקע מצבה אין אָנדענק פון אונ־דזערע אומגעבראַכטע משפחות־קדושים און פאַר דעם אינהאַלט און קיום פון אונדזערע דורות מיט דעם גייסט פון יידישן וואָלין.

**אונטערגעשריבן:**

**הרב פּראָפעסאָר משה צוקער** — פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר;

**הרב ד"ר שמואל זכריה גלאזער** — עלמאַנד דזשואיש סענטער;

**פּראָפעסאָר בעריש ווײַנריב** — דראָפּסי קאָלעדזש;

**הרב ד"ר מאָריס קורצער** — לאָרטשמאַנד טעמפּל;

**הרב שמואל וואָלקין,** — לאַקאַטשער רב;

**באָריס סמאָלאַר** — שעף רעדאַקטאָר פון יידישער טעלעגראַפן אַגענטור איט"א;

**בנימין געבינער** — גענעראַל סעקר. פון אַרבעטער רינג;

**רעימאָנד געבינער** — דירעקטאָר פון היאַס, קאָונסיל פון אָרגאַניזאַציעס;

**יחיאל דובעקירער** — דירעקטאָר פון לאַנדסמאַנשאַפטן־דיוויזיע פון באָנדס פאַר ישראל;

**אלף כץ** — דיכטער, רעדאַקטאָר פון יידישער אָפּטיילונג פון איט"א

**טשאַרלס עלמאַן** — פּרעזידענט פון קרן קימת אין סינסינעטי.

# דער מאנומענט

דעם 12־טן אקטאבער 1965 איז אין גבעתיים געלייגט געווארן דער גרונטשטיין פארן „היכל וואָלין", דער וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער לאַנדסלייט שטעלט אויף אַלס מאָנומענט פאַרן אומגעבראכטן דורך די נאציס וואלינער ידנטום, און איצט בויט זיך שוין דער היכל.

די ידישע מאסן, וועלכע האבן געלעבט און געשאפן במשך פון פיל הונדערטער יארן אויפן גאנצן שטח פון וואלין, (וואס איז צווישן ביידע וועלט־מלחמות געווען צעטיילט צווישן פוילן און ראטן־פארבאנד), האבן מיט זייער אייגנאר־טיקן לעבנסשטייגער, פאלקס־טראדיציעס, רייכע קולטור און גייסט באשיינט און באלויכטן דאס גאַנצע ידישע פאַלק. פון וואָלין זענען אַרויס און דארט האבן געשאפן באַרימטע גדולי התורה, השכלה־קעמפער, שרייבער, דיכטער און שעפער פון דער מאדערנער עברעאישער און ידישער ליטעראטור, געזעלשאַפטלעכע טוער א. א.

מיט גרויס זארג האבן די וואלינער ידן אין לעצטן דור זיך באצויגן צו די העברעאישע און ידישע פאלקס־שולן, די נעץ וועלכע האט ארומ־גענומען כמעט אלע וואלינער ישובים. די דאזיקע שולן, בפרט די העברעאישע, האָבן פארשטאַרקט דעם נאציאנאלן באוווסטזיין פון דער וואלינער יוגנט און פון דארט זענען ארויס די גרויסע מחנות חלוצים.

די וואלינער ידן האבן גענומען א אקטיוון אנטייל אין אַלע פאָליטישע שטרעמונגען. מיט באזונדערן ענטוזיאזם אבער איז אויפגענומען געווארן די באוועגונג פון דער נאציאנאלער אויפלעבונג. צענדליקער טויזנטער פון וואלינער יוגנט האָבן דורכגעמאַכט זייער הכשרה אין קליעסאוו און אנדערע הכשרה פונקטן, עולה געווען אלס חלוצים קיין ארץ־ישראל, מיט זייער שווייס באַארבעט די וויסטע ערד. מיט זייער בלוט באַש־צט די ידישע ישובים, געגעבן זייער ביישטייער אין קאמף פאר דער אנטשטייאונג פון מדינת ישראל.

וואלינער ידן האבן ארויסגעוויזן זייער אקטי־וויטעט אויך אויף ווירטשאפטלעכע, סאָציאלע און פארשידענע אנדערע געזעלשאפטליכע געביטן און זענען געווען בארימט מיט זייער צדקה און הכנסת־אורחים.

די נאַצישע חיות האבן דאס גאנצע פרוכט־בארע און שעפערישע וואלינער ידנטום און אלץ וואס זיי האבן געבויט און געשאפן אומגעבראכט מיט אכזריות, וועלכע האט נישט איר גלייכן אין דער גאנצער מענטשליכער געשיכטע. די קדושים זענען צו קבר ישראל נישט געקומען, און מען האָט זיי קיין מצבות ניט געשטעלט. די נאַציס און פארשידענע שונאי ישראל האבן אויך פאר־שוועכט די בתי־עלמינס, צובראכן די מצבות, און האָבן בכלל געטאָן אלץ כדי אָפּמעקן יעדן זכר און שפור פון ידן און ידישן עבר אויף דער וואלינער ערד.

דער וועלט־פארבאנד פון די וואלינער לאנדס־לייט, אלס צענטראלע פון די וואלינער לאנדס־מאנשאפטן אין ישראל, מיט דער הילף פון דער פעדעראַציע פון די וואָלינער ידן אין אַמעריקע און וואָלינער לאנדסלייט אָרגאניזאַ־ציעס אין דער גאַרער וועלט, האָט גענומען אויף זיך די הייליקע אויפגאבע צו פאראייביקן דעם אנדענק פון די אומגעבראכטע קדושים און פון די 165 וואָלינער קהילות און ישובים, גאונים, שעפער, עסקנים און פאָלקסמענטשן, ווי בכלל דעם פרעכטיקן עבר פון וואָלינער ידנטום.

דער פארבאנד וויל דאס דערגרייכן דורך דעם „היכל וואלין", וועלכער ווערט אויפגעש־טעלט. דער „היכל" וועט אויך דינען אלס צענטער אלע וואלינער פאריינען און לאנדסלייט אין ישראל און אין דער גארער וועלט, אלס זאמל־פלאץ פאר די קלטור־אוצרות, וועלכע זענען דורך וואלינער ידן געשאפן געווארן, און פאר די מאטעריאלן, דאקומענטן און זכרונות, וואס האבן א שייכות צו דעם עבר פון ידן אין וואלין.

דורך דעם „היכל" וועט אויך דערמעגליכט ווערן יעדן וואלינער פערזענליך צו פאראייביקן זיינע קדושים און נפטרים דורך פארצייכענען זייערע נעמען אויף א סימבאלישער מצבה אין דער פארם פון א פאראייביקונגס־בלאט (דף

הנצחה). די דאזיקע בלעטר וועלן איינגעפאסט ווערן אין אלבאמען לויט די קהילות, וועלן אפּ־געהיט ווערן אין א ספּעציעלן „התיחדות זאל" פון „היכל וואלין", און וועלן דינען לזכרון עולם.

אין „היכל וואלין" וועלן זיין: א גרויסער זאַל פאַר אזכרות, פּאַרזאמלונגען, פאַרלעזונגען און פארשידענע קולטור־צוועקן, א ביבליאָטעק, א לעזע־זאל, א זאל פאר אויסשטעלונגען פון קאטאסטראפע־בילדער, און דאקומענטן און קונסט־ווערק בכלל, א ארכיוו און צימערן צום אנדענק פון פערשידענע וואלינער קהילות און קדושים, אין וועלכע די לאנדסמאנשאפטן אין ישראל וועלן קענען פירן זייער טעטיקייט.

באזונדער אכט וועט געלייגט ווערן צוציען אין „היכל וואלין" אונדזער יוגנט, באקענען זיי מיט דער גרויסער ירושה און רייכן עבר פון זייערע עלטערן און פאריקע דורות, כדי זיי זאלן פארזעצן די גאלדענע קייט פון וואלינער יידנטום.

אַלע וואָלינער אָרגאַניזאַציעס און לאנדסלייט אין דער גאנצער וועלט ווערן גערופן דערפילן זייער הייליקן חוב לגבי די אומגעבראכטע וואלי־נער קדושים און קהילות, און זיך באטייליקן אין דעם אויפשטעלונג פון „היכל וואלין".

באשטייערונגען קענען געשיקט ווערן אויפן אדרעס פון איגוד עולמי של יוצאי ווהלין, תל־אביב, שד' רוטשילד 30, ת. ד. 2540, אדער אויף אונדזער באנק־קאנטע: בנק לאומי לישראל, תל־אביב, סניף ככר המושבות, חשבון 400935 (איגוד עולמי של יוצאי ווהלין).

**וועלט־פארבאנד**
**פון וואלינער לאנדסלייט**

# מיר בויען

נאך 3 יאר ארגאניזירונג און פארברייטונג פון דעם וועלט פארבאנד פון די וואלינער לאנדס־לייט איז ער צוגעטראָטן בויען דעם „היכל וואלין", א מאנומענט פארן וואלינער יידנטום. חרוב געוואָרענע קהילות און קדושים פון לעצטן גרויסן חורבן. דער „היכל" ווערט געבויט אויפן גרויסן פלאץ, וועלכן די שטאט פארוואלטונג פון גבעתיים האט געשענקט. לויט דעם פלאן פון ארכיטעקט ישראל לאטאן פון תל־אביב.



„היכל וואלין" דארף דינען אלס קולטור צענטער וואס זאל פאראייניקן דאס וואלינער יידנטום צו פאראייביקן דעם אנדענק פון יידישן לעבן אין וואלין אין משך פון אלע דורות, זינט יידן האבן אנגעהויבן זיך באזעצן אויף וואלינער ערד, צו פארשפרייטן און אפּהיטן די שאפונגען פון רומפולן וואלינער יידנטום ביזן שווידערליכן אומגליק וואס האט איבערגעריסן די רייכע קייט פון דורות, און איבער צו געבן די קומענדיקע דורות די קולטורעלע היסטארישע ווערט און אוצרות.

דאס יידישע פילפארביקע און פיל געשטאל־טיקע לעבן אין וואָלין מיט איר אויסערלעכקייט און אינערליכקייט, איבערלעבנישן און ליידן, פיין און גזרות מיט פּאַגראָמען ביי פארשידענע מאַכטן אין פארלויף פון כמעט 1000 יאָר, פאר־נעמעט אַ העלפט יאָרן פון גלות־לעבן. אין אָט דער לאנגער תקופה האבן יידן ניט אויפגעהערט חלומען צוריקקערן צו אַ זעלבסטשטענדיקן לעבן אויף דער היסטארישער ארץ־ישראל־ערד. די שטרעבונג האט געפונען איר אויסדרוק אין דער רעליגיעזער אויפפאסונג און שטימונג, און אין די לעצטע דורות — אויך דורכן נאציאנאלן גייסט, וועלכער האט באהערשט מאסן און דעם גרעסטן טייל פון פאלק אויף דער גארער וועלט.

די וואלינער פאלקס ייִדן באזונדער האבן געפילט דעם אימפולס פון דעם נאציאנאלן געדאנק און אפשר מער ווי אין אנדערע געגנטן האט זיך דארט איינגעווארצלט דער געדאנק פון ייִדישער באפרייונג און אויפלעבונג. די דער־שיינונג שאַצן אַפּ היסטאָריקער פון נאָכן חורבן, שילדערנדיק דאס וואלינער ייִדנטום ווי א פאלקס־טייל מיט א טיף נאציאנאלן אינסטינקט, ניט אונטערגעבנדיק זיך וועלכע ס'איז אויסער־ליכע ווירקונגען; א סאציאלע קערפערשאפט פון ייִדישן פאלק, וועלכע טראגט מיט פולער אנער־קענונג די ייִדישע פאן.

מיט פולן זעלבסטבעוווסטזיין און שטאלץ האבן וואלינער ייִדן אין לעצטן דור געטאן פיל פארן גייסטליכן נאציאנאלן עקסיזטענץ, דערציט די יוגנט פאַר דער צוקונפט און פאַר ארץ־ישראל. ס'איז נאַטירלעך וואָס דאָס רעשטל וואלינער לאנדסלייט אויף דער גארער וועלט מיט די ישראלדיקע ייִדן אין דער שפּיץ — האבן דערפילט דעם גרויסן הייליקן חוב פאראייביקן זייער פארגאנגענהייט און די אומגעקומענע קדו־שים, און דווקא אין דער בענייטער היים פון פאלק — אין ישראל. דער געדאנק האט באהערשט אלע קרייזן אומעדום ווו ס'איז דערגאנגען די ידיעה פון אויפשטעלן דעם מאנומענט — דעם „היכל וואלין". די ייִדישע פרעסע אויף דער וועלט האָבן געגעבן אַ געהעריקן אָפּקלאַנג דער אונטערנעמונג מיט פולער אפשאצונג און ווארימ־קייט ווי ס'איז ראוי אזא אונטערנעמונג און אזוי ארום האבן מיר זוכה געווען מיט געמיינזאמע כוחות בויען דעם „היכל ווהלין".

**אריה אבטיחי**

# ח. נ. ביאַליק אין וואָלין

**ראָוונע 23.11.1931**

מיין טייערע מאַמע,

כ'שרייב דיר עטליכע ווערטער פון ראָוונע, וואָס נאָך לוצק בין איך דאָרט געבליבן נאָך עטליכע טעג כדי זיך אָפּרוען. כ'האָב זיך אפילו אַ ביסל צוגעקילט און געקראָגן אַ קאַטאַר. איצט בין איך אין אָרדנונג און איבערמאָרגן פאָר איך קיין פינסק און פון דאָרט קיין וואַרשע. כ'האָב אלזאָ כמעט אַ גאַנצע וואָך פארשוועדעט אויף פוסט. מילא, סיי־ווי־סיי האָב איך געקלערט דאָס טון אין וואַרשע.

ראָוונע איז אַ פּראָווינציעלע אָנגענעמע שטאָט, גוטע וואָלינער ייִדן, אַ שיינע געגנט, און פונדעסטוועגן איז קיין פרנסה ניטאָ. ניטאָ קיין פרנסה! ייִדן גייען און ווערן חרוב.

פאַבריקע וואָך האָב איך דיר געשיקט אַ טשעק אויף פּופּציק פונט — אלזאָ, בעצאָל די חובות און האָב אויף עטליכע וואָכן.

חנוכה איז דיין געבוירן־טאָג. אַ מתנה קען איך דיר פון ראָוונע ניט שיקן, קויף זיך אלזאָ אַ שיינע מתנה אין מיין נאָמען און בעט עמיצן ער זאָל דיר געבן פאַר מיר אַ פאַר קושן — אָבער זאָל דאָס ניט טאָן אַ ייִנגערער און שענע־רער פון מיך.

כ'האלדז און קוש דיך פון דערווייטנס

**דיין ח. נ. ביאליק**

קושן און ווונטשן די עלטערן און אלע אנשי־שלומנו.

שלמה סקולסקי

# מיין היים

(פראַגמענט)

היימישע יידן, איר מיינע פּאַריתומטע ברידער,
כ'שיק אייך אַ שפּליטער פון מיינע צעבראָכענע לידער; —
געשריבן אַזוי ווי ס'האָבן גערעדט טאַטע־מאַמע,
פּיטשאַיעווּדיק, פּשוט און וואַרעם, פון האַרצן, פון סאַמע;
כ'וויל ניט באַפּוצן אין פאַרבן, באַקינצלען מיט טענער —
וואָס מער טאַטע־מאַמיש ס'איז לשון — אלץ מער איז'ס שענער...
מיין ליד — אַ מצבה אַ פּראָסטע פון פעלזיקן שטיין.

נעכטן (יעדער היינט איז אַ נעכטן) זיץ איך אַליין.
ס'האָבן די פליגל פון דמיון גענומען מיך יאָגן
ווייט צו דער היים צו דער אַלטער, מיך ווידער געטראָגן.
כ'האָב זיך געראַנגלט, געאַמפּערט, ס'האַרץ זיך געביסן:
„פאַרפאַלן. ניטאָ שוין ס'שטעטל. אויף שטיקער צעריסן...״
האָבן די פליגל צערוישט זיך, די הויכן געשניטן.
האָבן די אויגן פאַרוואָלקנט די זון אויסגעמיטן.
מיט אימפּעט די בענקשאַפט מיט זיך מיך געטריבן, געבראַכט...

מיין היים, דאָס איז זי! ס'האָט מיך דער אָטעם פאַרכאַפּט.
די זעלבע. דערקענט איר! ס'ווייסן די ווענט זיך פון ווייטן.
דער דראָטיקער פּלויט, ס'טירל מיטן סקריפּ דעם פאַרשייטן,
נאָר עפּעס זיפּצט עס און קרעצט עס אַנדערש ווי תמיד...
צו קרעכצט עס פון עלטער אָדער ס'וויינט גאָר פון אומעט?
און זע נאָר! די קאַלעזשע אויכ'ט ביים וועג, די געל־גרינע,
חנדלט נאָך אלץ זיך צום הימל, כאָטש שימלט מיט שנאה...
און אָט איז די סטעזשקע, באַגרינט ווי אַ מאָל און באַבלומט.

פאַרוואָס קומט ניט פייוול מיין ברודער אַקעגן „סקאָצל קומט!״
און לויפט ניט אַ ווילדער „יאָ, שלמה!״ דורך טירן צעפּראַלטע;
די מאַמע זי קושט ניט איר גאַסט מיט טרערן וואָס גליען.
דער טאַטע, ער זאָגט ניט „דיין תכשיט געקומען צופליען!...״
ס'שטיל... העי, וואָס שלאָפט איר! ווו זענט איר דאָרט אַלע?
אפשר איז מירל די קליינע געוואָרן מיט מזל אַ כלה
און תנאים געשריבן? געשמחהט ביז שפּעט אין דער נאַכט?
ס'שטיל... העי! ס'האָט גאָר אַ פרעמדער די טיר אויפגעמאַכט.

וואַסילי ! דער גוי וואָס ט׳שבת געהייצט אונדז די הרובע, אַ שכן.
ר׳האָט זיך דערשראָקן, געצלמט, העגט אַזש פאַרבראָכן,
„זשיד טי פראקליאַטי״ געפּליסטערט, אַנטלאָפן . . . אַ יורש געוואָרן !
אַז כ׳בין שוין געשטאָרבן וואָלט זיכער וואַסילי געשווירן.
אויף דער וואַנט, ווו אַמאָל מיינע תפילין געהאָנגען,
לאַכט נאַריש צו מיר אַ איקאָנע, אַ „טומאה״ אויף דראָנגען,
מ׳טראָגט זי מיט „זמירות״ פאַר „שחיטה״ נאָך יעדן פּאָגראָם . . .

די אויגן, זיי האָבן געבלוטיקט מיט טרערן אַ שטראָם.
אַריין איז די גויה, מאַרינקא, אַ גאַנצע באַלעבאָסטע.
שבת דאָ לייכטער געשטעלט, אָדער מיט קוילן צעבלאָזטע
דעם סאַמאָוואַר. היינט — פאַרפוצט אין אַ טיכל, אַ דאמע !
ס׳זיידענע טיכל ! ס׳האָט אום יומטוב געטראָגן מיין מאַמע . . .
מיין מאַמעס ! ס׳איז, אמת, פאַרשוואַרצט שוין, צעפּרעסן —
אָבער כ׳האָב׳ס דערקענט ! ווי קאָן מען אַזאַ טיכל פאַרגעסן !
די מאַמע דערמיט האָט מיט תחינה די טרערן געווישט — — —

# פאַרוואָס דווקא וואָלין

(פון „סאַברישן״ שטאַנדפּונקט)

ס׳האָבנ׳ס מיר געפרעגט יינגע פריינט אין אַ געמיטלעך געשפּרעך, בעת מיר האָבן געפּרוווט „לעזן״ די פראַגע פון צענויפשמעלצן אַלע עדות פון „זיבציק לענדער און שפּראַכן״ אין איין פאָלק און איין שפּראַך. דער ויכוח האָט זיך ביסלעכווייז צעוואַרעמט. אפשר ווייל מיר זענען געווען „פאַרשטייער״ פון עטליכע עדות. „צו איז ניט דאָס צעשפּליטערן און צעטיילן זיך אין „עולי״ און „לאַנדסמאַנשאַפטן״ אא״וו, אין סתירה מיט אונדזער גרויסער אויפגאַבע זיך „צענויפשמעלצן״, וואָס איז אַזוי אויך שווער ווי קריעת־ים־סוף ?״ — האָבן עטלעכע גע׳טענה׳ט. „עולים פון רוסלאַנד״, „עולים פון תימן״, „עולים פון פוילן״, „פון ליטע״, „פון איראַק״, אַזוי צענדליקער און הונדערטער — צי דען דערווייטערן זיי ניט דעם קץ (ענדציל) אנשטאַט אים דערנענטערן ? אפשר איז דאָס גוט פאַר יידן אין אַמעריקע, אָדער אין אַנדערע לענדער, דאָרט דינען די לאַנדסמאַנשאַפטן אַלס ראָם פון יידישקייט — אָבער דאָ, אין ישראל ? און בכלל, ווער דאַרף דאָ האָבן די אַלע געביידעס, זאָלן און אַנשטאַלטן וואָס די אַלע „עולי״ און „לאַנדסמאַנשאַפטן״ בויען אויס, צי וואָלט ניט בעסער געווען אויפבויען פאַר דעם געלט שפּיטאָלן, שולעס, יוגנט־לאָקאַלן, קולטור־הייזער און שולן אין ישובים ווו זיי זענען נויטיק ? היינט „היכל וואָלין״, מאָרגן „היכל פוילן״ אָדער „רומעניען״, „בית התפוצות״ און ענליכע צענדליקער געביידעס „צום אָנדענק״ — ווהין וועלן מיר אַזוי דערגיין ?

ווייל איך בין געווען דער וואָס איז ארויס מיט „היכל וואָלין״, וואָס ווערט געבויט, בין איך „אַטאַקירט״ געוואָרן פון אַלע זייטן. כ׳בין געווען דער איינציקער וואָלינער אין דער געזעלשאַפט. אָבער דאָס איז געווען מיין קלענסטע זאָרג. כ׳האָב בכלל ניט בדעה געהאַט סתם פירן אַ ויכוח, און כ׳האָב זיך ניט באַנוצט מיט בעוווסטע ארגומענטן ווי „פאַראייביקן קהילות וואָס זענען פאַרניכטעט געוואָרן ; עלטערן, ברידער און שוועסטער, און קרובים וואָס זענען מערדעריש אומגעקומען ; אַ „כמו״־מצבה אויף די קברים פון טייערע כדי זיך מתיחד זיין מיט

זייער אַנדענק; דאָס אויפלעבן אַ גייסטיק־רייך ידיש לעבן וואָס ס'געווען און ניטאָ מער, כדי צו פאַרזאָגן אונדזערע קינדער" און ענלעכע פאַרשידענע ארגומענטן, וואָס יעדער בעזונדער איז גענוג כדי צו פאַרענטפערן קלאָץ־קשיות, באַרעכטיקן און פאַרגלעטן. כ'האָב געפילט אַז דאָס איז נאָך ניט גענוג צום גאַנצן אמת, לויט ער איז געקומען צום אויסדרוק בעת'ן „סאַברישן" געשפּרעך. עמיצן איז געלונגען אַדורכפירן אַ פּסיכאָלאָגישן שניט מיטן אויספיר אַז מענטשן טוען געוויינלעך בלויז צוליב די לעבעדיקע, אפילו ווען זיי פאַראייביקן די וועלכע זענען אַוועק פון אונדז. איינע פון די אמת'ן וואָס מ'קען ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט.

כ'האָב באַדאַרפט ענטפערן „קורץ און שאַרף". סאַברעס האָבן ניט ליב קיין לאַנגע דרשות. דאָך האָב איך זיך „צערעדט" (ווי שייך אַן אַ הקדמה?).

...ניט נאָר בלויז וואָס די אַלע פאַרבאַנדן זענען אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין אויפנעמען די עליות — האָב איך זיך בעמיט זיין „זאַכליך" — אַ וואַרעם ווינקל פאַר נייע עולים וואָס געפינען אין זיי אַ שטיצע אין זייערע ערשטע שריט אין לאַנד; זיי זענען אויך נויטיק כדי צו פאַראייניקן דאָס פאָלק. כדי ס'זאָל אָרגאַניש אויפוואַקסן אויפס'ניי. דער לעבנס־שטייגער מסורה און לעבנס־חכמה פון אַ סך דורות אין גלות, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן יעדער עדה אין לעבן אין אַלע שווערע גלות־יאָרן; די וואָרצלען פון וועלכע זיי האָבן געזויגן און זויגן ביז היינט, דאָרט אין גלות און דאָ, אין דער אומאָפּהענגיקער ישראל. און אַזוי, ביז ס'קריסטאַליזירן זיך אויס נייע ווערטן און וואָרצלען, און אפילו בלויז אַ קורצע צייט, זענען מענטשן און קהילות געגליכן צו פלאַנצן וואָס האַלטן אין טרוקענען, און אויב זיי געבן ניט אַרויס נייע וואָרצלען ווערן זיי אינגאַנצן פאַרוועלקט. אָדער, כדומה למשל, אַ בוים וואָס וואַרפט פון זיך אַראָפּ ביסלעכווייז די בלעטער כדי צו בליען אויפסניי. אַזוי אַ בוים, אַזוי אַ מענטש, און נאָך מער, — ווייל דער מענטש מאַכט אַדורך, אויסערן ביאָלאָגישן, אויך אַ פּסיכאָלאָגישן פּראָצעס, לאַנגזאַם און אונפאַרמידלעך... אאַ"וו.

אָבער די עיקר טענות האָב איך נאָך אַלץ ניט פאַרענטפערט. די „פיילן" זענען דאָך ניט געצילט געוואָרן צו די געוווינהייטן פון עדות, לעבנס־שטייגער, כאַראַקטעריסטיק פון מסורה, קולטור, ווערטן, דאָס האַלטן זיך צוזאַמען אאַ"וו; ס'בעיקר און דירעקט בעשולדיקט געוואָרן די טענדענץ צו פאַרלענגערן דאָס אַלץ, און אפשר אויך דאָס פאַראייביקן זיי דורך אויפבויען געביידעס, אַנשטאַלטן, דענקמאָלן און השכלות. האָבן דאָך מיינע יינגע פריינט גע'טענה'ט אַז די אַלע וויי־געבורטן פון פאָלק, מן היושר איז זיי צו פאַרקורצן ווי נאָר מעגליך — און דאָ קומט מען נאָך צוצולייגן, זיי פאַרלענגערן אַן אַ סוף.

ס'ניט לייכט געווען אַריבערגיין אויף דער פראַגע. דער ויכוח האָט זיך ממש צוהיצט. ניט דער היכל, וועגן וועלכן מיר רעדן דאָ און ניט ענליכע בנינים ווערן דאָ „בעשולדיקט". די אַלע געביידעס וועלן דאָך במילא דינען אַלס קולטור־הייזער קודם כל פאַר דער יוגנט. סאַ'בעוווסטער כלל. אדרבא, אלא מאי? דאָס איז ניט מער ווי אַ קליינער פּאַראַגראַף אינ'ם עיקר. דער עיקר ס'זאָלן **אויפגעבויט ווערן בנינים** אין וועלכע ס'זאָלן אָפּגעהיט ווערן דורות־לאַנג די פאָלקס־וואָרצלען וועלכע האָבן זיך לאַנגזאַם צעוואַקסן אין משך פון הונדערטער יאָרן גלות אין פאַרשידענע עקן וועלט! און די אַלע פאַרבאַנדן וואָס בויען זיי — כן ירבו! צו וועלכן תכלית? אין אַלע גלות־לענדער, דאַכט זיך אַן אויסנאַם, איז געפלעגט געוואָרן דור־איין דור־אויס אהבת ישראל — אַ גרויסער פאַקטאָר צווישן אַנדערע, וואָס האָבן אונדז אָפּגעהיטן אַלס פאָלק. פדיון־שבויים און אויסלייזן דאָס לאַנד זענען געווען בלויז אַ טייל פון דער וונדערליכער דערשיינונג, צוויי עקן, אין די לעצטע עטליכע הונדערט יאָרן.

אין דער אויסגעבויטער זעלבסטשטענדיקער ישראל זענען מיר לעצטנס עדות אויף אַ דערשיטערנד־רירנדע דערשיינונג וואָס ס'ניט צו פאַרשטיין: שנאת ישראל צווישן זיך אליין. אמת,

דאָס זענען ניט מער ווי די „ערשטע שפּראָצן", אָבער מיר געפינען אין איר אין אַ געוויסער (און ניט געוויסער) פּרעסע, און אפילו אין דער נייער ליטעראַטור. די צרה איז וואָס טויזנטער לעזער, צוהערער און צושויער זענען זיך נוהג איינשלונגען און פערדייען אַלץ וואָס מ׳טראָגט זיי אונטער, אָן „עסטעטישע צערעמאָניעס". אפשר ווייל מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען און מיר האָבן ניט געוווסט צו דערציִען אונדזערע קינדער דאָ אין לאַנד צו אהבת כלל ישראל (אהבת ארץ־ישראל איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך), ווי ס׳האָבנ׳ס געטאָן עלטערן און לערער אין פריעריקע דורות דאָרט, אין גלות. קיינער איז חלילה ניט קעגן דעם, אַז די פינסטערע זייט פון אונדזער לעבן זאָל אויפגעבראַכט און בעלויכטן ווערן אַלזייטיק אין דער ליטעראַטור, קונסט און פּרעסע. אדרבא, אפשר וועלן מיר עפּעס קענען אויך פאַרריכטן. מיר זענען אַלע קעגן טענדענצן אין דער ליטעראַטור אא״וו, אָבער שנאת ישראל, זעלבסט־האַס, גלאַט אַזוי, און דערצו נאָך געמאַכט „קינסטלעריש", לשם מאַזאָכיזם, אָדער סתם טפּשות, און יש אומרים: לשם קאַריערע...

אַלס קעגנגעוויכט — די אמת׳ע אהבת ישראל, ממש, ביז זיך מקריב זיין טאָג־איין טאָג־אויס, אָן אויפהער (און ניט נאָר בעת צרה). די ליבע פון אַלע גדולי ישראל און פּשוט׳ע פאָלקסמענטשן פון אַלע דורות אין אַלע גלות־לענדער; אהבת ישראל פון נדבנים און גאולה־טרוימער, אהבת ישראל פון בעל־שם־טוב און ר׳ לוי יצחק פון בערדיטשעוו, פון אונדזערע נאַציאָנאַלע דיכטער און אויסלייזער, וואָס דאָס וואָלינער יידנטום איז אַזוי געבענטשט געווען מיט זיי און ס׳קורץ דאָ דאָס אָרט אויסערעכנען זייערע אַלע נעמען, זיי זאָלן בעלייכטן אונדזער וועג...

אהבת ישראל איז אויסער יעדער ויכוח. דערמיט זענען מסכים אפילו די „סאַברעס".

**נתן ליבנה**

# מיין וועג קיין ארץ־ישראל

(פון „בלעטער זכרונות")

...גלייך ווי מיר זענען אַרויס פון זשיטאָמיר, נאָך איידער מיר זענען געקומען צו דער רוסישער גרעניץ, ווו ס׳האָבן אויף אונדז געוואַרט די גרעניץ־שמוגלער, זענען מיר אַרעסטירט געוואָרן. איך און נאָך אַ חבר פון „דרור". כ׳בין געווען זייער בעזאָרגט; כ׳האָב געהאַט ביי זיך אַ סך פּאַפּירן, וועלכע האָבן ניט געטאָרט אַריינפאַלן אין רוסישע הענט. אין טורמע בין איך געזעסן צוזאַמען מיט קרימינעלע אַרעסטאַנטקעס.

ביינאַכט האָט מען מיך געפירט אויף אַנ׳אויספאָרשונג. אין צימער זענען געזעסן 3 אָפיצירן אין מונדירן. איינער פון זיי האָט צו מיר גערעדט רואיק און זייער געלאַסן. ער האָט מיך געבעטן כ׳זאָל חתמ׳נען אַז כ׳בין אַ ציוניסטקע און אַז כ׳פאָר קיין ארץ־ישראל. אָבער מיר האָבן געקראָגן בפירושע דירעקטיוון זאָגן אַז מיר פאָרן צו קרובים קיין אַמעריקע. כ׳האָב אַלזאָ געשוויגן; כ׳האָב ניט געקענט אַרויסברענגען פון מיין מויל דעם ליגן אַז כ׳פאָר קיין אַמעריקע.

פּלוצים האָט זיך אַריינגעמישט אַ צווייטער אָפיציר און זיך צעשריען: „מ׳אַנטלויפט פון רוסלאַנד, אָט די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, און זיי זענען דערצו ניט גענוג בראַוו מודה צו זיין". כ׳בין איבערראַשט געוואָרן. כ׳האָב געוווסט, אַז ער איז אַ ייד. פּלוצים האָב איך זיך אַליין געהערט ענטפערן אים מיט אַ פייערדיקע יידיש־ציוניסטישער רעדע.

ער איז איבערראַשט געוואָרן ניט ווייניקער פון מיך. ער האָט מיך אָנגעקוקט און גאָרניט געזאָגט. ס׳האָט זיך געהערט אַ בעפעל מיך צוריקפירן אין טורמע אין אַנ׳איינצעלנער צעל. כ׳האָב זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. די געהיימע פאַפּירן האָבן גערוישט אויף מיין גאַנצן קערפּער. „מיר וועלן דיך נאָך איבערצייגן בלייבן ביי אונדז", האָב איך געהערט אים מיר נאָכשרייען.

אָבער ער האָט ניט זוכה געווען איבערצייגן. נאָך אין יענער נאַכט האָט מען אונדז אַרויסגע־

שלעפט פון טירמע. די ציוניסטישע אונטער־גרונט אויף דער גרעניץ האָט זיך פערנומען מיט דער אַרבעט, געטריי און מיט דערפּאָלג.

מיר זענען געקומען קיין איזיאסלאוול. איזיאס־לאוול־ראָוונע איז געווען אַ וויכטיקער פּערקער־אָקס אַריבערצושמוגלען די רוסישע גרעניץ פאַר סתם־יידן און חלוצים, וועלכע האָבן זיך געריסן קיין ארץ־ישראל.

הונדערטער און טויזנטער וואַנדערן אויף די וועגן. און דער וועג ווערט שווערער פון טאָג צו טאָג. די פויערן האָבן געפּאָדערט גרויסע סומעס געלט פאַר אַריבערשמוגלען די גרעניץ און דער וועג איז געווען געפערלעך. פול מיט רויבער און מערדער. אַ סך האָבן טאַקי בעצאָלט מיטן לעבן, וועלנדיק אַרויס פון רוסלאַנד, אָבער דער לעבעדיקער שטראָם פון וואַנדערנדע יידן קיין אַמעריקע און חלוצים, וואָס האָבן גע־שטרעבט קיין ארץ־ישראל אויף אַלע מעגלעכע וועגן, האָט זיך אַלץ געשטאַרקט.

איינמאָל, אין אַ נאַכט, זענען מיר צוגעשטאַ־נען צו אַזאַ גרופּע און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג. שפּעט ביינאַכט. שאַ־שטיל. פינסטער אין וואַלד און אומרו אין הארצן. אין דער פינסטערניש הערן זיך טריט, און ס׳ווייזט זיך דיר אויס, אז דאָס קלאַפּט אַזוי דיין הארץ.

מיט אַמאָל הויבט זיך אָן אַ שיסעריי. אונטער אונדז הערט זיך אַ געוויין און געשרייען פון קינדער. נאָך אַ סך יידן גייען אונטער אונדז. דערצו האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווינט וואָס האָט אונדז געטריבן פאַראויס. דאָס הארץ — אָט פּלאַצט עס...

די סכנה ווערט גרעסער, נענטער. אָט־אָט הויבט אָן טאָגן, ס׳הויבט אָן ווערן ליכטיק — און מיר זענען פאַרלוירן. מיר גייען פאַראויס. ווייטער. ניט פילנדיק גאָרניט און ניט קלערנדיק.

די זון האָט אָנגעהויבן אויפגייען — אָבער מיר זענען שוין געווען אויף יענער זייט גרעניץ.

עדה יגורי (ראָזענצווייג)

# רבי אהר׳לע קאַרלינערס יאָרצייט אין מלינאָוו

דאָס קליינע וואָלינער חסידישע שטעטל מלי־נאָוו האָט זוכה געווען אז אויף זיין בית־הקברות זאָלן רוען די ביינער פון צדיק ר׳ אהרון, דער באַוווסטער מיטן נאָמען ר׳ אהר׳לע פון קאַרלין, דער אייניקל פון ר׳ אהרון דער גרויסער, וועלכער איז געווען פון די תלמידים פון מגיד ר׳ דוב־בער פון מעזשריטש און ראָוונע. אויפן קבר איז אויפ־געשטעלט געוואָרן אַן אוהל — אַ „ציון״ צו וועלכן עס האָבן זיך געצויגן אַלע יאָרן, ביז דער נאַצישער פאַרניכטונג, טויזנטער חסידים מתפלל צו זיין און זיך מתיחד זיין מיטן זכר פון זייער צדיק. לאַנגע יאָרן האָבן אכטונג געגעבן אויפן „נר־תמיד״ אין דעם אוהל די אַלטע חסידים ר׳ אברהם הולצעס און ר׳ יצחק לייב.

פון מיין זיידן ר׳ יצחק, וועלכן מ׳האָט גערופן יצחק סטאַראָסטע אין מלינאָוו, האָב איך געהערט וואָס זקנים צדיקים דערציילן וועגן דער פטירה:

איינמאָל, נאָך שבועות איז דער צדיק אָנ־געקומען קיין מלינאָוו, און ווי זיין שטייגער איינ־געשטאַנען ביי ר׳ חיים לעמל׳ס. דער רבי האָט זיך פאַרהאַלטן לערך אַ וואָך־צייט אין שטעטל, אויפגענומען די חסידים, וואָס זענען געקומען אים אָפּגעבן „שלום״ און זוכה זיין צו זיין ברכה, אגב אָפּצאָלן די מעמד געלד, ווי ס׳האָט זיך געפירט. אין שטעטל האָט זיך גע׳רעש׳ט און געקאָכט פון די פיל חסידים וואָס האָבן פאַרנומען כמעט אַלע הייזער צוליב דעם צדיק׳ס באזוך.

ווען דער רבי האָט שוין געהאַלטן ביים אָפּ־פאָרן פון שטעטל האָט ער געהייסן שפּאַנען זיין קאַרעטע. ווי נאָר ער איז אַרויס פון צימער — האָט זיך דער הימל פאַרוואָלקנט. דער צדיק האָט זיך צוריקגעקערט אויסרופנדיק: „מיין הימל האָט זיך פאַרוואָלקנט, געקומען די צייט״. ער האָט מתפלל געווען, אָפּגעזאָגט „ווידוי״ און זיך גע־לייגט אין בעט אריין.

ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט און ער איז אָוועקגענומען געוואָרן אין פמליא של מעלה. באַלד איז געוואָרן אַ רעש און דאָס שטעטל איז

געוואָרן איינגעהילט אין אבלות. ס'זענען באַלד געשיקט געוואָרן טעלעגראַמעס צום רבי'נס הויף און זיין משפחה. ס'איז געוואָרן איינגעאָרדנט אַ גרויסע לויה מיט אַ הספד מר. פיל לעגענדעס ווערן דערציילט דורך די קאַרלינער־סטאָלינער חסידים וועגן דער דאָזיקער לויה.

איך דערמאָן זיך מיין באַזוך אלס קינד ביי מיין זיידן ר' יצחק אין די טעג פון ר' אהרן'לעס יאָרצייט, וואָס פאַלט אויס 17 טאָג פון חודש סיון. ס'איז אָנגעקומען דער יינגער רבי פון סטאָלין מיט זיין פאַמיליע, וואָס זענען איינגעשטאַנען ביים זיידן אין הויז. גאַנץ פרי האָט מען אָנגעהויבן גיין אויפן קבר פונ'ם צדיק, מ'האָט געזאָגט תהלים, געשריבן צעטלען, אין וועלכע מ'האָט אויסגעדריקט בקשות און תחנונים. צווישן זיי זענען געווען אויך יידישע מאַמעס וואָס האָבן אַ סך געוויינט און געבעטן. מענטשן קומען און מענטשן פאַרלאָזן דאָס שטעטל. האָט מען זיך געזעצט דערציילן מעשיות וועגן נסים ונפלאות פון צדיק, וואָס זענען מקויים געוואָרן. דאָס גלויבן און בטחון און געווען אַזוי גרויס אז אויך ניט־יידן זענען באַאיינפלוסט געוואָרן פונ'ם יידישן צדיק. שמועסנדיק נעמט מען אַביסל משקה און מ'בייסט צו, נאָכדעם גייט מען ווידער אין שטיבל, ביז ס'קומט די צייט זיך צוריק לאָזן אהיים. יעדער באַזונדער מיט אַ מין זיכערקייט אז דער זכות פונ'ם צדיק וועט ביישטיין און די בקשות וועלן מקויים ווערן.

צי געפינט זיך נאָך דער אוהל אופן צדיק'ס קבר? — ווער ווייסט!

**סילוויע באַרדיטש־גאָלדבערג**

# דיכטער און שרייבער

## שמואל מילער

שמואל מילער איז געבוירן דעם 25־טן אָקטאָבער 1895 אין דאַבראָווקע, ביי זוויהיל. ביז 9 יאָר געלערנט ביי אַ מלמד אין חדר, שפּעטער אין דער אָרטיקער ישיבה משך אַפּאָר יאָר. נאָך דעם האָט ער געלערנט אלס עקסטערן און געגעבן אוראָקן אויף זיך דערנערן.

אין 1912 האָט ער עמיגרירט קיין אַמעריקע צו זיינעם אַ פעטער נאָענט צו דקוטו שטאָט. ניט וועלנדיק זיין אַ געשעפטסמאַן לויט זיין פעטערס פּראָיעקט, איז ער אריבער קיין פּיטסבורג, געאַרבעט ביי וואָס ס'האָט זיך געלאָזט, און נאָך זיין ווײַלן אין איסט ליווערפול איז ער אָנגעקומען קיין קליוולאַנד און געוואָרן מיטאַרבעטער אין דער אָרטיקער צייטונג „אידישע וועלט" אויף עטלעכע יאָר און געווען טעטיק אין געזעלשאַפטליכן לעבן, ווי אין „פּיפּל רעליעף", פאָלקס־שולן א. א.

אין 1922 פאַרלאָזט מילער קליוולאַנד, צוליב געזונט־צושטאַנד און קומט אָן קיין לאָס־אַנדזשעלעס, ווו ס'איז געוואָרן זיין שטענדיקע היים, ביזן סוף 1958.

זייענדיק אין לאָס־אַנדזשעלעס האָט זיך מילער אָפּגעגעבן צו זיין ליטעראַרישער אַרבעט. ער האָט אַרויסגעגעבן 13 גרויסע אינהאַלטסרייכע ביכער אין יידיש און געוואָרן געשעצט אלס איינער פון די גרויסע אָנערקענטע שריפטשטעלער. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער מערהייט מאַנאַטליכע און וועכנטליכע אויסגאַבן אין אַמעריקע, קאַנאַדע, אַרגענטינע און אין דער „גאָלדענער קייט" אין ישראל.

אַריבער 200 אַרטיקלען, גרויסע אָפּשאַצונגען פון זיינע ביכער זענען דערשינען ביז איצט אין יידיש און ענגליש. צווישן זיי פון די בעווסטע ליטעראַטור־קריטיקער: ש. ביקל, יעקב בוטשאַנסקי, יעקב גלאַטשטיין, יעפים ישורון, ש. לעשטשינסקי, ד"ר א. מוקדוני, נ. ב. מינקוב, נחמן מייזיל, ש. ניגער, מלך ראַוויטש א. א.

**ש. לערנער**

# י. י. סיגאל

**(דער דיכטער פון „עמק וואָלין")**

איך קען ניט נאָך אַ ידישן שרייבער וואָס זיין וועלט פון יצירה זאָל האָבן אַזעלכע טיפע און לעבעדיקע שרשים אין וואָלין.

אַזאַ ליבשאַפט צו זיין היימשטאָט ווי י. י. סיגאל רופט איר אין זיין ליד „ביינקשאַפט" — „דאָס צפת אין דעם עמק וואָלין" — איז ניט נאָר אַ זעלטנהייט ביי אונדז, נאָר ס'איז אויך שווער צו געפונען אַ שרייבער ביי אַנדערע פעלקער וואָס זיינע וואָרצלען זאָלן זיין אַזוי טיף און אַזוי מעכטיק אין דער שוואַרצערד און גרייכן צו די ערדישע קוואַלן.

און נאָך אַ וואונדער: ניט געקוקט וואָס י. י. סיגאַל איז אַוועק פון דער היים אין זיינע יוגנט־יאָרן האָט ער אַ גאַנץ לעבן אויסגעטראָגן די וואונדערליך פּאַטישע וואָלין־וויזיע.

ער איז דער ידישסטער דיכטער, דער דיכטער פון די אָרימע ראַטעס, די האַלב־פאַרשנייטע פון וואַנען מ'הערט דאָס שטילע ידיש לשון.

ער איז דער דיכטער פון די דאָרפס־ידן, וואָס זענען אַזוי לויטער און אַזוי ריין ווי גייסט־הימלען. שוין ערב זיין אַוועקגיין האָט י. י. סיגאַל געזונגען: „פאַראַן דאָרט נאָך טיפע און לעבעדי־קע שרשים / פון אונדזער אַלט לעבן פון דורות".

ער האָט אַריינגעבריינגט אין דער ידישער ליטעראַטור דעם פּשוטן גרויען אינדערוואָכן, דעם פאַרנאַכט פון וואָלינער שטעטלעך, דעם אָפּשיין פון די ערשטע שטערן וואָס צינדן זיך פאַר די באַלעגאָלעס, פאַר די וואַסער־טרעגער, פאַר די וואַדערנדיקע הענדלער און דאָרפס־ידן.

זיין דיכטונג איז קלאָר, פּשוט, אַזוי ידיש ווי ס'איז געווען דאָס לעבן פון די וואָלינער ידישע שטעטלעך „דער עמק פון צפת".

טיף רירנדיק איז זיין רוף צו די פּשוטע פאַראַרועטע ידן, וואָס טראָגן דעם עול אויף זייערע רוקנס.

וואָס שטייט איר ידן, נאָך פאַרמעליקט ?
זאָגט די גויים אַרום אייך
אַז ס'האָט שוין אויסגעקלונגען די שעה פון
גרויסן שבת.
איר מעזשיבעזשער, איר בראַצלאַווער, איר
זווהילער, קאַריצער ידן. —
יאָ, די שעה פון גרויסן שבת איז געקומען.

דער דיכטער האָט דעם שבת אויפגענומען אין זיין היים אויף יענער זייט ים און דאָס ליכט פון שבת גייט אויף אין זיינע געזאַנגען.

✶

דאָס ידישע וואָלין האָט אונדז געגעבן ח. נ. ביאַליק, דער בענייער פון דער העברעאישער שירה; זי האָט אונדז געגעבן דעם ניסתר — דער עפּקיר פון דעם אוקראַינישן ידנטום; ש. מילער — דער פּראָזאַאיקער פון זווהילער קערן און י. י. סיגאל — וואָס אַנטפּלעקט די שיינקייט און לויטערקייט פון גרויסן, טרויעריקן אינדער־וואָכן פון דעם וואָלינער ייד.

**מנדל מאַן**

# נעצנאָטן

## אברהם שייקיס

געבוירן אין טשודנאָוו, שטאַמט פון זייער אַ חשובע משפחה, אין וועלכער ס'זענען געווען באַרימטע רבנים און דיינים, כלל־טוער און גע־ערטע פּערזענליכקייטן. געווען פון די אינטע־ליגענטע יוגנט־קרייזן אין טשודנאָוו.

שייקיס איז אָנגעקומען אין די 20־ער יאָרן קיין אַמריקע. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסע געשעפטס־פעייקייטן ביז ער האָט דערגרייכט צו אַ וויכטיקער פּאָ־זיציע אין דער אַמעריקאַנער האַנדלס־וועלט און איז געוואָרן זייער פּאָפּולער. איצט שטייט ער אין דער שפּיץ פון אַ גרויסער געזעלשאַפט, וועמענ'ס אַקציעס זענען אַנגענומען אויף דער אַמעריקאַנער בירזשע.

שייקיס האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ געבענ־שטער המשך פון טשודנאָווער שורש. אַ גוטער און וואַרימער מענטש און איבערגעגעבענער ייד, וועלכער פילט מיט אַנדערע און איז באַטייליקט

הארציק מיט זיין ברייטער האַנט און וואַרים האַרץ אין אַלע אונטערנעמונגען פון מדינת־ישראל. ער פאַרנעמט אַ געהעריקן אָרט אין דער טשודנאָווער סאָסייטי אין אַמעריקע אַלע יאָרן, וועלכע שטאַלצירט מיט אים. לעצטנס איז ער פאַראינטערעסירט מיטן אויפשטעלן דעם מאָנומענט פאַר די פאַרשניטענע וואָלינער קהילות און זייערע קדושים, דעם „היכל וואָלין״.

## לעאָ טשעקווער



לעאָ טשעקווער איז אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט אינעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן, איבערגעגעבן, טעטיק אין אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע אַרבעטן לטובת ארץ־ישראל.

געבוירן אין טשודנאָוו, וואָלין, (צווישן זשיטאָמיר און בערדיטשעוו) אין 1898. דאָרט האָט ער געלערנט ביי אָרטיקע מלמדים און איינגעזאַפּט אין זיך יידישע טראַדיציעס און קולטור. וועלטלעכע און רוסישע קולטור האָט ער באַקומען שטודירנדיק עקסטערן אין זשיטאָמיר און שפּעטער אין קיעוו, וווּ ער האָט אויך געאַרבעט אַלס אַנגעשטעלטער אין אַ באַנק.

אין צייט פון בירגער־קריג האָט זיך די מאַכט אין שטעטל אָפט געביטן און יעדע אָנגעקומענע באַנדע האָט אָנגעטאָן אין שטעטל צרות צרורות, אויסגעפירט שחיטות אויף די אָרטיקע יידן.

ה׳ שייקיס מיט זיין געערטער פרוי מרים קלייבן זיך באַזוכן אין גיכן ישראל און זיך באַקענען מיט דער אויספירונג׳ס־אַרבעט פון בויען דעם „היכל וואָלין״, פאַר וועלכן ער האָט געשפּענדעט אַ קענטיקע באַשטייערונג. דער וועלט פאַרבאַנד פון וואָלינער יידן אין ישראל באַגריסט די געסט באַצייטנס: ברוכים הבאים!

**טאַניא טשעקווער**

אין טשודנאָוו האָט זיך אָרגאַניזירט אַ יידישע זעלבסטפאַרטיידיקונג. טשעקווער קומט פון דער רוסישער אַרמיי אין ראַנג פון קאַפּיטאַן פון זעמסקי סאָיוז און שליסט זיך איין אין די רייען פון דער קעמפנדיקער יוגנט. אין יאָר 1919 איז דאָס שטעטל פאַרכאַפּט געוואָרן דורך פּעטליורן, וועלכער האָט, ביים פאַרלאָזן פאַרשלעפּט מיט זיך 200 יידישע בחורים, צווישן זיי אויך לעאָ טשעקווער, קיין פּראָסקוראָוו. דאָ איז פאַרגעקומען אַן אויסערגעוויינלעכער עפּיזאָד. דער יונגער לעאָ איז געווען אַ גוטער שאַך־שפּילער און ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זיין קאַפּיטאַן איז אַ ליבהאָבער פון שאַך, האָט ער אים פאַראינטערעסירט אין שאַך־שפּילן. ביי דער געלעגנהייט פלעגט לעאָ אַנהויבן צוביסלעך דיסקוטירן מיטן קאַפּיטאַן און האָט געוווּנען זיין סימפּאַטיע. ווען ער האָט שוין מיטן קאַפּיטאַן זיך געפילט היימישער האָט ער אים איינמאָל געזאָגט: „הער קאַפּיטאַן, ווי קענט איר דערוואַרטן, אַז איר זאָלט פון אונדז — יידישע יינגלעך — מאַכן גוטע סאָלדאַטן פאַר דער פּעטליורישער אַרמיי, ווען איר הרגעט יידן״ ?

מיט לאָגיק און שכל האָט ער געפונען חן אינעם קאַפּיטאַנס אויגן און ער האָט יעדן טאָג געגעבן אורלויב־פּעסער פאַר עטלעכע יידישע יינגלעך און געזאָגט צו לעאָ, אַז זיי מוזן זיך ניט אומקערן... צולעצט האָט לעאָ אויך באַקומען זיין אורלויב־פּאַס און האָט זיך געלעאָזט גיין צופוס קיין טשודנאָוו, וווּ אויף אים האָט געוואַרט זיין גרויסע טראַגעדיע.

די מאַכנא־באַנדעס האָבן אין זייער אַכזריות׳דיקן פּאָגראָם אין שטעטל אויסגעשאָכטן, צווישן

אַנדערע יידן, די משפחה טשעקוועד — זיין פאָטער, מוטער, דריי שוועסטער און אַ ברודער. לעאָ איז געבליבן אליין. איין ברודער נאָך איז דאַמאָלס געווען אין אמעריקע.

דער דערשיטערטער לעאָ טשעקוועד מיט זיין טיף נאַציאָנאַלער אָריענטאַציע, שליסט זיך אָן אָן אַ גרופּע וואָלינער בחורים אַפּן וועג קיין ארץ־ישראל. אינמיטן שווערן לאַנגן וועג, אין ראָוונע, געפינען אים, לויט זיין ברודערס בקשה, צוויי פאַרשטייער פונם „דזשאָינט", פּראָפעסאָר פרידלענדער און ד"ר כץ, וועלכע האָבן געהאַט צו לעאָ טשעקוועד אַ בריוו פון זיין ברודער, אַז ער זאָל גלייך קומען צו אים. דער אויסגעמו־טשעטער פון קריג, דערשלאָגענער פון פּאָגראָם איבערלעבענישן און פון זיין אייגענער שרעק־לעכער טראַגעדיע לאָזט זיך לעאָ טשעקוועד צו זיין איינציקן לעבן־געבליבענעם ברודער קיין אַמעריקע.

דאָ שליסט זיך לעאָ טשעקוועד לאַנגזאַם איין אין אמעריקאַנער לעבנס־שטראָם. ער אַרבעט פאַר זיין עקזיסטענץ, לערנט און פאַרענדיקט דעם עקאָנאָמישן פאַקולטעט פון ניו יאָרקער אוני־ווערזיטעט מיט אויסצייכענונגען. צו דער צייט פאַרבינדט ער זיין לעבן מיט דער אינטעלעקטו־עלער רחל יאָסנאָגראָדסקאַיאַ, וואָס איז שוין דאַן געווען אַ באַוווּסטע דיכטערין אין רוסיש אונטערן פּסעוודאָנים „אירינאָ יאָסין", אויך זי שטאַמט פון טשודנאָוו־וואָלינסק.

זייער לעבן איז קולטורעל און שעפעריש, און נאָך איר טויט, אין 1957 וואַרפט זיך לעאָ טשעק־וועד נאָך מיט מער ענטוזיאַזם אין געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט. אַן אָנגעזאַפּטער מיט אמעריקאַ־נער דעמאָקראַטיע, אַ שטאָלצער ייד, אַרבעט ער פאַר זיין פאָלק, פאַר זיין יידישער מדינה — ישראל, פאַרן פאַראייניקטן יידישן „אַפּיל", קרן־אוניווערזיטעט, מכון וייצמן, טשודנאָווער לאַנד־סמאַנשאַפט א.א.וו. ער גיט אַ סך מאַטעריעלע שטיצע פאַר די צוועקן און וועקט און רופט אַנ־דערע יידן אויך טאָן דאָס זעלבע. ער שרייבט אַרטיקלען און טרעט אַרויס מיט רעפעראַטן אין אַמעריקע און אין פּאַריז און מיט זיין וואַרעמער באַגייסטערונג און אחריותדיקן צוגאַנג רופט ער יעדן לעבן־געבליבענעם יידן טאָן פאַרן יידישן לאַנד, העלפן בויען און פאַרזיכערן מדינת ישראל.

אויף די געזעלשאַפטלעכע פּלאַטפאָרמען באַ־געגנט ער זיין איצטיקע פרוי טאַניע — אויך אַ געבוירענע אין טשודנאָוו. פרוי טאַניע איז אַן ערנסטע, אינטעליגענטע פּערזענלעכקייט און אַ באַגאַבטע קינסטלערין, מיט אַ טיפן נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין, שטיצט איר מאַן לעאָ אין אַלע גע־זעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען און צוזאַמען באַשליסן זיי אין 1960 זיך צו באַזעצן אין ישר־אל. דאָ האָבן זיי געבויט אַ שיין ווינקל ביים נתניה'ער ברעג ים, וווּ זיי ווינען צופרידענע און געשעצטע. דאָ, אין זייער גן־עדן ווירמלט מיט פריינט און באַזוכער פון ישראל און אויס־לאַנד, דאָ שפּרודלט מיט וואַרעמקייט און פרייד, דאָ ווערן געטאָן מעשים טובים.

אין ישראל שטעלן זיי אויף אַ ספּעציעלן פאָנד „קרן טשעקוועד", וואָס העלפט אַנטוויקלען קינדער־טעאַטער פאַר קינדער דערציונג און גיבן אַרויס סטיפּענדיעס פאַר באַדערפטיקע פּע־איקע סטודענטן. אויף די וועגן פון ישראל פאַרט אַרום אַ מגן־דוד אַמבולאַנס מיט טאַניעס און לעאָ'ס נאָמען. דאָס יאָר פּלאַנצן זיי אַ וואַלד פון צען טויזנט בוימער דורך „קרן קיימת". לעאָ און טאַניע טשעקוועד שליסן זיך אָן אין'ם וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער יידן, וועלכער בויט יעצט דעם גרויסן מאָנומענט נאָכ'ן פאַרשניטענעם וואָלי־נער יידנטום, זיינע אומגעקומענע קהילות און קדושים, פאַרניכטעטע בית־עולמ'ס, אויסגעראָ־טענעם טויזנט־יאָריקן יידישן לעבן און קולטור־שאַפונגען אין וואָלין — „היכל וואָלין" אין יש־ראל. זיי דאַגאַ'נען פאַרן היכל אין אמעריקע (וווּ זיי געפינען זיך 3—4 מאָנאַטן אין יאָר) און אויך אין ישראל מיטן גאַנצן הארצן.

לעאָ טשעקוועד איז געווײלט געוואָרן אין פּרעזידיום פונ'ם ראָט פון וואָלינער פאַרבאַנד, ער איז פאַרטראָטן אין דער פאַרוואַלטונג פון דער צענטראַלע פונ'ם וועלט פאַרבאַנד פון דער וואָלינער פעדעראַציע אין אמעריקע און לעצטנס איז ער געווײלט געוואָרן אַלס מיטגליד פון ערן־קאָמיטעט פון דער צענטראַלע פון וועלט־פאַרבאַנד. זייער באַשטייערונג פאַרן „היכל וואָ־

לין" איז ביז איצט די גרעסטע, און דער פאַרבאַנד האָט באַשלאָסן ווידמען די פּראָיעקטירטע ביבליאָטעק אינ׳ם היכל צום אָנדענק פון דער אומגעקומענער פאַמיליע טשעקוואַר.

לעאָ און טאַניע טשעקוואַר האָבן זיך ארויסגעוויזן אמת׳ע, געטרייע און אידעאַלע כלל־טוער און מעצענאַטן. וואָלינער לאַנדסלייט ווייסן זיי צו שעצן.

כן ירבו!

**אריה אבטיחי**

## אברהם גודמאן

אברהם גודמאַן, דער עלטערער ברודער פון יעקב און ד״ר מאָריס גודמאַן, איז געבוירן אין יאָר 1890 אינ׳ם וואָלינער שטעטל גריצעוו (ריצעוו). זיין פאָטער, ר׳ יחיאל ע״ה איז געווען אַן אָנגעזעענער און חשובער בעל־בית אין שטעטל, זיין מוטער נחמה ע״ה מיט די קינדער זענען געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1906.

שווערע צייטן, אין אַ ניי לאַנד, אין אַ נייער סביבה, דאָך אָרדנט זיך ר׳ יחיאל ווי עס איז איין אין מסחר פון קאָסמעטיק. צוביסלעך ענטוויקלט זיך זיין האַנדל ביז צו איינע פון די גרעסטע פירמעס אויף דעם געביט אין דער וועלט. ה׳ אברהם גודמאַן איז איצט פּרעזידענט פון דער באַוווּסטער פירמע.

אין יאָר 1917 ענדיקט דער איצטיקער אָנפירער פון דער פירמע, ה׳ אברהם גודמאַן דעם ניו יאָרקער אוניווערזיטעט. ער ווערט באַקאַנט אין פאַרשידענע קרייזן. הייראַט מיט דער ראַוונער פריילין מאַלי פרישבערג, אַן אייניקל פון בכבודיקן ר׳ לייביש חזן ע״ה פון לוצק. נאָך איר טויט אין אויגוסט 1965 הייראַט ה׳ אברהם גודמאַן דער יינגערער שוועסטער פון מאַלי — אַנאַ.

אַ האַלבער יאָרהונדערט איז שוין פאַריבער פון דער צייט, ווען דער מערקווירדיקער וואָלינער ייד, אברהם גודמאַן, האָט אָנגעהויבן זיינע טעטיקייטן אויף דעם געביט פון יידישן לעבן. אַן איבערגעגעבענער טוער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווו ער האָט זיך דעראָבערט צו אַ בכבודיקן אָרט, האָט ער אין פאַרשידענע צייטן אָנגעפירט מיט דער פאַרוואַלטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע אַלס וויצע פּרעזידענט; פאַרזיצער פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו, פאַרזיצער פון אַדמיניסטראַטיוון־קאָמיטעט, פאַרזיצער פאַר פּראָיעקטן לטובת ישראל, קאַסירער פון ציוניסטישער פאַנדיישן.

אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע איז ה׳ אברהם גודמאַן טריי און טעטיק אויף פאָלגנדע געביטן: פּרעזידענט פון דעם תרבות פאַנדיישן, אַ מתנה פון די ברידער אברהם און יעקב גודמאַן. פאַר דעם צוועק פאַרשפּרייטן עברית אין אַמעריקע. (ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק איז ד״ר עמנואל ניומאַן געווען דער פאַרוואַלטער פון דעם תרבות פאַנדיישן, איצט פערוואַלטעט ה׳ אברהם גודמאַן). ער פירט אָן מיט די פינאַנסן פון „יידישער אַגענטור" פון ישראל פון דעם „פאַראייניקטן יידישן אַפּיל"; מיטגליד פון „ישראל עקאָנאָמישער געזעלשאַפט"; וויצע פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער־ישראל האַנדלס־געזעלשאַפט; אַקטיווער טוער אין די „בראַנדייס־קאַמפּס", יוגנט פאַנדיישן אין סאַנטאַ סוזאַנאַ, קאַליפאָרניע.

גודמאַן איז אַקטיוו פאַרבונדן מיט דער אָרגאַניזאַציע צו דערהויבן יידישקייט דורך דער „רעקאָנסטרוקציע־באַוועגונג" אָנגעפירט פון ד״ר מרדכי קאַפּלאַן און אַנדערע אָנשטאַלטן. כמעט אַלע יאָרן האָט די משפחה גודמאַן געוווינט אין ניו יאָרק. אין דער קורצער צייט וואָס די משפחה האָט געוווינט אין סביבה פון מיאַמי־ביטש, — פלאָרידאַ, האָט ה׳ גודמאַן באַוויזן זיך אָנצושליסן אין דער באַוועגונג צו גרינדן דעם באַוווּסטן „הר סיני" שפּיטאָל אין מיאַמי־ביטש און איז געווילט געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג ביזן היינטיקן טאָג.

אין ניו יאָרק איז ה׳ גודמאַן טעטיק פאַר יידישער דערציונג, אַ לאַנג־יאָריקער נדבן און איבערגעגעבענער טוער פאַר דעם „הרצליה עברי אינסטיטוט" פאַר לערער און מיטגלידער פונ׳ם

ניו־יאָרקער קאָמיטעט פאר יידישן חינוך. אין די אלע אינסטיטוציעס איז ה׳ אברהם גודמאן זייער געערט און באליבט.

ה׳ גודמאן באזוכט אָפט ישראל, כמעט אויסשליסלעך אין צוזאמענהאנג מיט זיין ציוניסטישער טעטיקייט. לעצטנס האָט ער זיך פארבונדן מיטן פראָיעקט פון פאראייביקן דאָס וואָלינער פארשניטענע יידנטום דורך אויפשטעלן אין ישראל דעם גרויסן מאָנומענט — דעם „היכל וואָלין״. פון זיינע דריי זין — זיינען לעאָנארד און פיליפ אָנגעשלאָסן אין דער פירמע מיטארבעטנדיק מיטן פאָטער. דער יינגסטער זון, ד״ר מאָריס, איז ד״ר פילאָזאָפיע (שפראכן), מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט ער אָנגעפירט מיט קורסן אין ירושלימער אוניווערזיטעט.

זיין וואַרימער באַציאונג צו דער פארגאנגענהייט פונ׳ם וואָלינער יידנטום האָט ה׳ גודמאן אויסגעדריקט דורך זיין באשטייערונג מיט אַ סומע פון 10,000 דאָלאר אין נאָמען פון דער „אברהם און מאלי פאנדיישן״ פארן אויפבוי פון „היכל וואָלין״ אין גבעתיים, ישראל.

פון וואָלינער יידנטום — אַ יישר כח. כה לחי!

**ניסן פירער**

# קהילות

## פעטליורעס הערשאַפט אין זשיטאָמיר

דאָס דייטשע אָקופאציע־מיליטער, בעת דעם ערשטן וועלט־קריג, האָט פארלאָזט אוקראינע סוף 1918. די סיבות, צווישן אנדערע, — דער אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין דייטשלאנד און דער אויפשטאַנד פון די אוקראינער קעגן דעם דייטשן מיליטער און דעם העטמאַן סקאָראָפּאַצקי, וועלכן די דייטשן האָבן ארויפגעזעצט.

די „ראדע״, וועלכע האָט עקזיסטירט פארן העטמאַן, איז באנייט געוואָרן אונטער דער אָנפירערשאַפט פון סימאָן פעטליורע, הויפט־גענעראל פון אוקראינישן מיליטער, (שפעטער האָט מען געביטן דעם נאָמען פון „ראדע״ אויף „דירעקטאָריע״).

אין לאנד האָט געהערשט אַ גרויסע אומאָרדענונג. סאָלדאטן, וועלכע זענען אנטלאָפן פון די פראָנטן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָבן זיך אומגעקערט אהיים מיט זייער געווער. מ׳האָט דאמאָלס פאקטיש געוואָר געקויפט פריי.

נאָך איידער דאָס דייטשע מיליטער האָט פארלאָזט זשיטאָמיר, האָבן די אוקראינער געפרווט באפרייען זשיטאָמיר פון די דייטשן, אָבער דאָס איז זיי ניט געלונגען. די דייטשן האָבן זיי ארויסגעטריבן פון שטאָט, און האָבן געהערשט אין משך פון אַ וואָך צייט אין שטאָט. ווען ס׳האָבן זיך קאָנצענטרירט מיליטערישע דייטשע טיילן פון אנדערע ערטער, האָבן די דייטשן פארלאָזט די שטאָט, ביינאַכט. צומאָרגנס, זענען ווידער די אוקראינער אריין.

זייער מאַכט איז געווען שוואַך, סיי מיליטעריש סיי עקאָנאָמיש. אַ באָלשעוויסטישער רעגימענט, „לעווקאָווסקי״, האָט פארכאַפט זשיטאָמיר און די פעטליוראָווצעס זענען אנטלאָפן. די באָלשעוויסטישע מאַכט אין שטאָט, איז געווען נאָך שוואַכער פון די פעטליוראָווצעס און די אוקראינער האָבן זיי צוריק פארטריבן. אין זשיטאָמיר איז דאַן אויסגעבראָכן דער ערשטער פעטליורישער פאָגראָם (סוף 1918), אין וועלכן עס זענען געהרגעט געוואָרן צענדליקער יידן.

אין קיעוו איז דאַן געזעסן אין דער „ראדע״ אַ יידישער מיניסטער, פאַר „יידישע ענינים״.

כדי צו באַרואיקן די יידישע באַפעלקערונג אין זשיטאָמיר, האָט די מאַכט דערלויבט צו גרינדן אַן אָפיציעלע זעלבסט־שוץ מיטן נאָמען „רעזערוו־מיליציע״, וואָס האָט באַדאַרפט שטיין אין קאָנטאַקט מיט דער אַלגעמיינער מיליציע.

דער „רעזערוו״ האָט גענומען אויסראָטן די פאַגראָמשטשיקעס אין שטאָט און אין דער סביבה. זיי האָבן פיל אויפגעטאָן אין משך פון זייער קור־

צער עקזיסטענץ און זענען געווען שטארק פּאָפּולער צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג.

אין שפּיץ פון „רעזערוו" איז געשטאַנען א קריסט מיטן נאָמען קורבאַטאָוו, וועלכער איז דאמאָלס געווען א „מענשעוויק". צווישן די ייִדישע קאָמאַנדירן פון „רעזערוו" האָבן זיך אויסגעצייכנט: סיאָמאַ ליובארסקי און באַרדענשטיין.

דער שטאָט־מער פּיוואָצקי (אַ פּאָליאַק), וועלכער איז געווען א ייִדן־פריינט, האָט זיך גוט באַצויגן צום „רעזערוו". צווישן די מיידלעך, וואָס זענען געווען אַנגעשלאָסן אין „רעזערוו", האָט זיך אויסגעצייכנט — פּירא (אסתר) פּאָלינאָווסקאַ, וואָס האָט שפּיאָנירט און אויסגעפונען די פּאָגראָמשטשיקעס.

נאָכן ארעסטירן די פּאָגראָמשטשיקעס האָט מען זיי געבראַכט אין דער געביידע פון „רעזערוו" צום פאַרהער, און אויב מ'האָט זיי געפונען שולדיק, האָט מען זיי פאַרטאָג געפירט אין דער ריכטונג פון טייך טעטערעוו און גייענדיק — זיי דערשאָסן.

אויסער דעם „רעזערוו", האָט אויך עקזיסטירט, אַן אזוי גערופענע „הויז־שוץ", וואָס פלעגן היטן ביינאַכט און „מאַכן הקפות" אין די קווארטאַלן. דאָס איז געמאַכט געוואָרן פרייוויליק, לויט דער ריי.

א וואָך פאַר פּורים, 1919, איז זשיטאָמיר באַהערשט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס. זיי זענען געווען בלויז איין וואָך, און האָבן געמוזט אָפּטרעטן אונטערן דרוק פון די פּעטליוראָווצעס. די באָלשעוויקעס האָבן זיך צוריקגעצויגן אין דער ריכטונג פון בערדיטשעוו, און צוזאַמען מיט זיי אויך דער „רעזערוו" ווי אויך פיל ייִדישע יוגנטלעכע פון זשיטאָמיר. דעם פרייטיק נאָך מיטאָג, איז געוואָרן אין שטאָט א גרויסע פּאַניקע צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג. מ'האָט גענומען פאַרלאָזן די וווינונגען און מ'האָט זיך אויסבאַהאַלטן צווישן באַקאַנטע קריסטן און מ'האָט געוואַנדערט פון איין אָרט צום צווייטן, זוכנדיק „זיכערע" פּלעצער. מ'איז געווען זיכער, אז באַלד אינדערפרי וועט אריינמארשירן אין שטאָט דאָס פּעטליורישע מיליטער פון דעם זוויהלער וועג און ס'וועט זיך אָנהויבן א פּאָגראָם.

שבת אינדערפרי האָט מען ניט געזען קיין ייִדן אויף דער גאַס. פאַר־מיטאָג, האָט אריינמארשירט דאָס פּעטליורישע מיליטער, מיטן שפּילן פון אָרקעסטער און גלייך נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן די שחיטה אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט סאָלדאַטן און ציווילע. דער פּאָגראָם האָט געדויערט 3 טעג און עס זענען אויסגעהרגעט געוואָרן הונדערטער ייִדן, מענער, פרויען, קינדער און זקנים. ס'זענען געווען אויך פיל פאַרוווּנדעטע. ייִדיש פאַרמעגן איז צעראַבירט געוואָרן.

דער פּאָגראָם איז פּלוצים אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך דער מאַכט און די שטאָט איז באַהיט געוואָרן דורך דער פעלד־זשאַנדארמעריע און אויך דורך א רעגימענט פון גאַליציע „סעטשעוויקעס". מ'האָט געלעבט אין פחד און הונגער.

מיט דריי וואָכן שפּעטער זענען די פּעטליוראָווצעס אָפּגעטראָטן און צוויי באָלשעוויסטישע רעגימענטן: „טאַראשטשאַנער" און „באָגונער" האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט אָן א שלאַכט. די באָלשעוויקעס האָבן געהערשט אין שטאָט ביז סוף זומער, ווען זשיטאָמיר איז נאָכאמאָל איינגענומען געוואָרן דורך די פּעטליוראָווצעס. די אָרטיקע פּוילישע באַפעלקערונג האָט געגלויבט, אז דאָס פּוילישע מיליטער וועט אריינמארשירן קיין זשיטאָמיר און האָבן זיי אָפּגעוואַרט אין די הויפן מיט ברויט און זאַלץ. אין יענער צייט, זענען שוין פאַרגעקומען מיליטערישע צוזאַמענשטויסן צווישן באָלשעוויקעס און דעם פּוילישן מיליטער אין אייניקע ערטער פון וואָלין. זיי זענען געוואָרן אָנטוישט, ווען אנשטאָט די פּאָליאַקן זענען אריין די אוקראַינער. די נייע מאַכט איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט און איז ניט געווען בכוח ווייטער אָנצוגרייפן. מיט א חודש שפּעטער, האָבן זיי פאַרלאָזט די שטאָט, — אויף שטענדיק.

אין דער קורצער צייט פון פּעטליוראַס הערשאַפט אין זשיטאָמיר, האָט די שטאָדט שטאַרק געליטן און פיל ייִדיש בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן. א טראַגיש קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון זשיטאָמירער ייִדנטום.

**יוסף טאַבאַטשניק**

# געווען אַ שטאָט לוצק

לוצק, די אַלטע גרויסע וואָלינער שטאָט איז חרוב געוואָרן און איז ריין פון ידן. אין חודש אלול תש"ב זענען אומגעקומען אויף אַ שרעקלעכן אופן די לוצקער ידן דורך די היטלעריסטישע און אוקראַינישע מערדער.

דער גיהנום האָט זיך אָנגעהויבן אין חודש יוני 1941 (סיון תש"א). די דייטשע היטלעריסטישע ארמיי אָקופּירט די שטאָט און שוין 3 טעג שפּעטער באַווייזן זיך אויף די ווענט ווייסע פּלאַקאַטן, אַז מענער פון 16 ביז 60 יאָר דאַרפן זיך צושטעלן אויף ארבעט און צו דעם צוועק דאַרפן זיי מיט זיך מיטברענגען העק, לאָפּעטעס, קירקעס, האַמערס, לאָמען א.א.וו. דער זאַמלפּונקט איז אין שלאָס ליובארטא.

אַן ערך 3000 ידן האָבן זיך געמאָלדן „צו דער ארבעט". ליידער האָט מען מער די דאָזיקע מענטשן קיינמאָל ניט געזען. מיט די מכשירים וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט, זענען זיי דערמאָרדעט געוואָרן דורך די אוקראַינער און דייטשע רוצחים. די גאַנצע שטאָט איז אין טרויער און פּחד. מ׳באַוויינט די אומשולדיקע קרבנות און מ׳פרעגט זיך צי איז עס נישט דער אָנהויב פון׳ם סוף.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס קאַפּיטל פון אויסראַטונג.

מ׳יאָגט זיך נאָך ידן אין די גאַסן פון שטאָט. מ׳שלאָגט זיי מכות רצח. מ׳רייצט אָן אויף ידן בייזע הינט, וועלכע רייסן פון זיי ממש שטיקער פלייש. ידן ווערן באַשפּיגן און באַליידיקט. מ׳קען ניט מער אַרויס אין גאַס. מ׳טאָר ניט האַנדלען, זיך ניט פאַרזאַמלען. ידן ווערן הפקר פאַרן דייטשן און אוקראַינישן מערדער.

נאָכן באַזוך פון׳ם רייכסמיניסטער פאַר אוקראַינע — קאָך, צוזאַמען מיטן געביטס קאָמיסאַר גליק, שטעלט אויף דער דייטשער אָקופּאַנט אַ געטאָ פאַר ידן. אין אַ רעגנדיקן טאָג פון חודש אלול תש"א יאָגט מען אַרויס אין דער גאַנצער שטאָט אַלע ידן פון זייערע הייזער און מ׳טרייבט זיי צום געשאַפענעם געטאָ, וועלכער געפינט זיך אין געגנט פון דאָמיניקאַנסקע און מאַרק־פּלאַץ, צווישן באַזיליאַנסקע ביז נידעווער בריק, און אַטייל פון דער גאַס קראַסנאַיה.

לויט אַ עדות פון לייזער צירולניק איז דאָס געטאָ אויפגעשטעלט געוואָרן 2 טעג פאַר חנוכה תש"ב.

אָפּגעזונדערט פון דער אויסערלעכער וועלט, אָן שום מעגלעכקייטן צו קענען ווענדן זיך צו עמיצן נאָך הילף אָדער גערעכטיקייט, אָנגעטאַסעוועט אין די צימערן, קעלערס און געשעפטן, אין פיל ערגערע באַדינגונגען ווי אין אַ טורמע, באַמיען זיך די ידן פון געטאָ מיט אַלע זייערע כוחות אויפצוהאַלטן זיך און זייערע קינדער ביים לעבן, האָפנדיק אויף עפּעס אַ נס פון באַפרייאונג. ס׳גייען דורך וואָכן און מאָנאַטן, און די נייעסן ווערן אַלץ טרויעריקער. מ׳שלאָגט און מ׳הרגעט ידן אויף אַן אכזריותדיקן און ראַפינירסטן אופן. מ׳צווינגט טאַנצן אין די גאַסן א.א.וו. ס׳הערשט אַ ווילדע שרעק. חוץ דעם הויבט אָן וואָס אַמאָל מער אריינצודרינגען אין געטאָ דער הונגער, קעלט און קרענק.

דער אָקופּאַנט האָט אויפגעשטעלט אין געטאָ אַ ידן־ראַט און אַ ידישע פּאָליציי, וועלכע האָבן קיין גרויסע זאַכן ניט געקענט אויפטאָן. זיי זענען געצוואונגען געווען אויסצופילן די דייטשע באַפעלן קעגן די ידן, ווער מיט האַרץ־ווייטאָק און ווער צום אויסצייכנונג, מיט פולער ענערגיע, האָבנדיק אין זינען אייגענע נוצן און פּראָפיטן...

אין שפּיץ פון יודענראַט איז געשטעלט געוואָרן סאַשאַ פּינטשוק מיט אייניקע הילפערס. די גאַנצע באַפעלקערונג אין געטאָ איז געוואָרן אומבאַהאָלפן און וואָס ווייטער איז געוואָרן ערגער און ביטערער. אָפּגעשוואַכט פיזיש און דערשלאָגן מאָראַליש איז די לאַגע אין געטאָ געוואָרן אומדערטרעגלעך. טאָג טעגלעך זענען געווען לויות פון די פאַרשפּאַרטע אין געטאָ.

אין דער נאַכט פון י׳ אלול תש"ב (אויגוסט 1942) ענדיקט זיך דאָס קאַפּיטל געטאָ און ס׳ענדיקט זיך דאָס לעבן פון לוצקער ידנטום.

אין דער שווארצער נאַכט קומט מיט רעש אריין אין שטח פון געטאָ אַ מענגע לײַדיקע לאַסט־אויטאָס, אַנגעפירט דורך דייטשע און אוקראַיני־שע רוצחים. מ׳רייסט אויף טירן און פענסטער, מ׳שלעפט די מענטשן פון די בעטן און מ׳יאָגט זיי אויף די לאַסט־אויטאָס, קליין און גרויס, קינד און אַלט. מ׳וויל אַנטלויפן, ראַטעווען זיך, אַ קינד, אַ פרוי, אַ מאַמע — אוממעגלעך. די ווילדע בעסטיע היט אָפּ יעדן קרבן. מ׳זוכט אין יעדן הויז און ווינקל, טאָמער האָט זיך עמיצער באַהאַלטן — און מ׳געפינט נאָך קרבנות.

צונויפגעזאַמלט אַלע קרבנות און ארומגערינ־גלט מיט אַ שטאַרקער וואַך ווערן די לוצקער ייִדן געפירט צום טויט. מ׳פאָרט דורך דער נידעווער בריק, די גרעבליע און די בערג און אויפן וועג צום דאָרף פּאַלאַנקע שטעלט זיך אָפּ דער טראַנס־פּאָרט נעבן 3 גרויסע גריבער פון אַן ערך 200 מעטער די לענג און 8—10 מעטער די ברייט. דאָס זענען די צוגעגרייטע קברים, וואָס זענען אויסגעגראָבן געוואָרן מיט אַ טאָג פריער דורך די ייִדישע צוואַנגס־אַרבעטער פאַר זייערע על־טערן, פאַר זייערע קינדער, פרויען, שוועסטער און ברידער. פאַראַן אפילו טרעפט מיט וועלכע די אומגליקלעכע דאַרפן אַראָפּגיין אין די גריבער כדי דאָרט דערשאָסן צו ווערן. מ׳זעט דעם טויט פאַר די אויגן און מ׳וועדט פאַרגליווערט. די הערצער ווערן ממש צוריסן פון צער און פאַר־צווייפלונג. אָט זענען די גריבער־קברים און אָט איז דער מלאך המות מיטן אויסגעשטרעקטן חלף איבערן האלדז, אַלץ וויינט און יאָמערט מיט די לעצטע כוחות, אָבער אומזיסט. ס׳דערהערט זיך אַ געוויש פון מאַשין־געווער און דאָס פייפן פון קוילן וואָס פליען אויף די קעפּ, ברוסטן און קערפּערס פון אַ פאַרצווייפלטער ייִדישער עדה. די דורכגעשאָסענע קערפּערס ווערן געשלײַדערט אין די גריבער, אַנגעוואָרפן איינע אויף די אַנ־דערע. ניט אַלע זענען באַלד טויט, די וואָס לעבן נאָך ווערן דערשטיקט דורך די אַנגעוואָרפענע, פריש דערשאָסענע, קערפּערס. די גריבער ווערן אַנגעפילט און די מערדער איילן זיך צו באַ־שיטן מיט קאַלך און ערד די קרבנות, פון וועלכע אַ טייל האָט נאָך נישט אויפגעהערט צו אָטעמען און ראַנגלט זיך מיטן טויט...

דאָס ייִדישע לוצק איז חרוב געוואָרן. די שארית הפליטה וועלכע איז נאָך ניט פאַרשניטן געוואָרן אין יענער נאַכט האָט נאָך פאַרגעזעצט לײַדן און האָט באַוויזן מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן די נאַציס דעם 12־טן דעצעמבער 1942.

**י. רעצעפּטאַר**

# 24 יאָר צום אויפשטאַנד אין געטאָ לוצק

„מיר זענען שוין מיד פון די געריכטן קעגן די נאַציס און ניט ווייניקער זענען מיר אויך די דייטשן. אָבער חלילה אויפהערן, אַ הייליקע פליכט איז צו שטיין אויף דער וואַך — ביז עס וועט געבראַכט ווערן צום געריכט דער לעצטער מערדער״. — האָט געזאָגט דוד פּריטל, אַ חבר פון קיבוץ מעלה החמישה, נעבן ירושלים, נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען פון דייטשלאַנד, ווו ער האָט עדות געזאָגט פאַר אַ געריכט קעגן נאַצישע קרימינאַליסט רונקע פאַר דערמאָרדן ד״ר עריך „מערדער״ אין האַנאָווער. דאָס געריכט האָט פאַראורטײַלט אויף לעבנסלענגלעכע תפיסה דעם אין לוצקער לאַגער אין 1942.

דעם 12־טן דעצעמבער ד.י. וועלן ווערן 24 יאָר צום ייִדישן אויפשטאַנד אין געטאָ לוצק. פיר יאָר פאַרן אויפשטאַנד אין וואַרשע־ווער געטאָ. די ייִדן האָבן געקעמפט ביזן לעצטן מענטשן און פאַראורזאַכט שווערע פאַרלוסטן די נאַציס, ביז זיי האָבן מצליח געווען אונטער־צודריקן דעם אויפשטאַנד.

דוד פּריטל האָט דערקלערט אַ הונגער־שטרייק און צו אים זענען צוגעשטאַנען זײַנע

חברים, די אנדערע עדות פון ישראל: פאָליציי־אָפיציר פון חיפה ה׳ אשר גאָלדבערג און פאַמיליע סאָוויצקי פון תל־אביב — וואָס צוליב געזונטהייטס־סיבות זענען ניט געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט נאָך צוויי אנדערע נאַצי־מערדער, וואָס גייען ארום פראַנק־און־פריי ביזן היינטיקן טאָג: פייערטאג הינדריך און פערניכטער פון לוצקער געטאָ יוזעף גליק. בידע זענען זיי פעראַנטוואָרטלעך פאַר דער פערניכטונג פון 20 טויזנט יידן אין געטאָ לוצק. דוד פריטל האָט פראָטעסטירט וואָס נאָר איין מערדער איז געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט און אלס ווייַ־אויסדרוק האָט ער דערקלערט אַ הונגער שטרייק ביז עס וועלן געבראַכט ווערן פאַרן געריכט אויך די אנדערע מערדער. אַ גאַנצן טאָג האָט מען אונטערהאַנדלט מיט דוד פריטל, ביז ער האָט אויפגעגעבן דעם הונגער־שטרייק, נאָכדעם ווי דער פאָרזיצער פון געריכט האָט זיך פערפליכטעט שריפטליך, אז ער וועט זיך בעמיען ברענגען צום משפט אויך די אנדערע צוויי שולדיקע.

אין גאַנג פונעם פראָצעס האָבן זיך דערוווּסט דוד פריטל און זיינע חברים פון דער פרעסע, אז אן אנדערער נאַצי, הענריך לינדנער, וואָס האָט אויף זיין געוויסן דאָס דערמאָרדן פון 50 טויזנט יידן אין לוצקער געגנט, דינט אלס הויכער בעאַמטער אין מיניסטעריום פאַר פליכטלינגן. זיי זענען געקומען אין מיניסטעריום כדי צו פראָטעסטירן פאַר דער מיניסטאָרין מאייער סאַביניך, אַ מיטגלידערין פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, וואָס איז אליין גערודפט געוואָרן דורך די נאַציס און איז געווען ארעסטירט פאַר איר פאָליטישער טעטיקייט.

פאַר דער געביידע פון מיניסטעריום האָבן זיי אָפּגעוואַרט דייטשע און פרעמדע זשורנאַליסטן. די מיניסטאָרין איז גראַד ניט אַנוועזנד געווען, און דער וואָרט־זאָגער פון מיניסטעריום האָט בעדויערט וואָס הענריך לינדנער איז אַנגענומען געוואָרן אלס בעאַמטער אין מיניסטעריום בעת'ן פאַריקן מיניסטער. לינדנער, האָט ער געזאָגט, איז אדורכגעגאַנגען אַ דענאַציפיקאַציע־געריכט און איז באַפרייט געוואָרן, ניט האָבנדיק קיין באַווייזן קעגן אים. ער האָט זיך פאַרפליכטעט, אז אויב עס וועט זיך ארויסווייזן, אין משך פון פראָצעס אין האַנאָווער בעשולדיקונגס־מאַטעריאַל קעגן לינדערן וועט ער אויפסניי געמשפט ווערן.

ד. פריטל האָט אויסגעדריקט זיין צופרידנהייט פון דער שטעלונג פונעם געריכט און דייטשער און אויסלענדישער פרעסע צו זיין געראַנגל. ער האָט אויסגעדריקט זיין פערוווּנדערונג וואָס אין די געריכטן באַטייליקן זיך ניט, נעבן די יידישע עדות, אויך פאָרשטייער פון די קהילות, וואָס זייער אויפטריט אין די געריכטס־זאַלן קען האָבן גרויסע חשיבות פון מאָראַלישן און היסטאָרישן ווערט.

„דבר" **א. אלחנני**

# זכרונות פון אוסטילער חורבן

**צום 22־יעריקן טרויער־טאָג פון דערמאָרדן מיין משפחה: מוטער ביילע, פאָטער יצחק און ברודער חיים און אנדערע פאַמיליע מיטגלידער דורך די דייטשע מערדער אין אוסטילע.**

אַ הייליקער חוב איז צו דערציילן וועגן די טראַגישע געשעענישן און איבערלעבענישן פון יענע בלוטיקע טעג אין וואָלינער שטעטל אוסטילע, וואָס איך האָב צוגעזען און איבערגעלעבט אין שאָטן פון טויט און פאַרניכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. איך זע פאַר מיינע אויגן די קהילה אוסטילע ארויסגעפירט אויפן מאַרק פון שטעטל פון וואַנען די יידן זענען געפירט געוואָרן אין זייער לעצטן וועג צו די גריבער, וועלכע זענען פריער געצוווּנגען געוואָרן גראָבן פאַר זיך זעלבסט. די נאַציס מיט זייערע העלפער בושעתען און פירן די עדה צו דער שחיטה אין דאָרף פיאטידאַן.

זאָלן וויסן די קומענדיקע דורות, זאָלן גע־דענקען אונדזערע קינדער און זאָל ניט פאַרגעסן דאָס ייִדישע פאָלק וואָס מ׳האָט געטאָן זיינע קינדער אין יאָר 1942.

סוף אויגוסט 1942, ווען די רוצחים האָבן געפּלאַנט די ערשטע אַקציע אין לודמירער געטאָ, ווו עס זענען פאַרטריבן געוואָרן די אויס־טילער ייִדן, איז די אַטמאָספער געוואָרן מער געשפּאַנט ווי פריער. עלטערן האָבן געטראָגן דעם יאָך, ניט וועלנדיק ערגערן זייערע קינדער און זענען געווען פאַרזיכטיק מיטן דערציילן עפּעס „איבעריק" וועגן דער לאַגע און זיי ניט פּייניקן מיט שרעק. אָבער מיר, ייִדישע קינדער־לעך האָבן געפילט אַז ס׳כמאַרען זיך די ייִדישע הימלען און פאַרשטאַנען אַז עפּעס שרעקלעכס דערוואַרט אַלמען.

ייִדן האָבן אין איילעניש געגומען בויען בונקערס, געזוכט געהיימע ערטער זיך צו באַ־האַלטן, געקלערט ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען. מיין פאָטער יצחק איז ניט געווען אין דער היים. די מלחמה האָט אונדז צעשיידט. מיין 14־יאָריקער ברודער חיים, וועלנדיק זיין אַ „פרייער פויגל" — איז אַוועק אין דאָרף פּאַזאָוו צו די גויים, וועלכע זענען פריער געווען אונדזער פאָטער׳ס פריינט. פון דאָרף האָט ער פון צייט צו צייט געבראַכט אונדז לעבנס־מיטלען דורכשמוגלענדיק זיך דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אין גרויס לע־בנס־געפאַר. אין געטאָ זענען פאַרבליבן מיט אונדזער מוטער ביילע — איך, אַלט־זייענדיק 13 יאָר, מיין שוועסטער יהודית — 11 יאָר און די קלענסטע, רבקה׳לע — 8 יאָר אַלט.

איינמאָל, שבת האָט די מאַמע גערופן מיך מיט יהודית׳ן מיר זאָלן גיין מיט איר צוזאַמען באַזוכן ביי דער מומע און פעטער. די קרובים האָבן אונדז באַגעגנט אומעטיקע. זיי האָבן גע־קוקט אויף אונדז קינדער מיט רחמנות און גע־שוויגן. איך האָב זיך געפילט שלעכט... די מאַמע האָט שטילערהייט גערעדט מיט דער מומע, ביז דער טאָג האָט שוין געהאַלטן ביים ענדיקן, אין אָוונט איז אויף מיר געפאַלן אַ שרעק.

אין דער שווערער שטימונג האָט זיך די מאַמע געווענדעט צו אונדז מיט אַ שוואַך קול: קינדערלעך, מיר זענען געבליבן אָן עסן, חיימקע קען אונדז מער ניט העלפן, נאָכדעם ווי די נאַציס האָבן פאַרשפּאַרט דעם אריינגאַנג אין דער קאַנאַליזאַציע, דעריבער איז געבליבן דער איינ־ציקער אויסוועג איר זאָלט אַנקומען קיין פּאַזאָוו אויף אַ פּאָר טעג און ברענגען פון דאָרט אביסל שפּייז. נאָך אַ קורצן שווייגן האָט זי פאָרגעזעצט: איר זענט ענלעך צו קריסטן, מ׳וועט אייך אין וועג ניט דערקענען אז איר זענט ייִדן.

דער פעטער האָט מסכים געווען, און האָט צוגעגעבן: ניטאָ קיין אַנדערער אויסוועג. איך בין געפאַלן צו דער מאַמעס פיס מיט אַ געוויין און אויסגערופן: איך וועל דיר ניט פאַרלאָזן, מאַמע, איך וויל ניט גיין. אַלע האָבן געוויינט. צום סוף איז די מאַמע אויפגעשטאַנען און מיר האָבן פאַרלאָזן דעם פעטערס הויז.

נאַכט. מיר האָבן ניט געטאָרט אָנצינדן קיין ליכט, לויט דער פאַראָרדנונג, ווייל די פענסטער האָבן אַרויסגעקוקט אויפן הויפט שאָסיי פון געטאָ, ווו עס גייען דורך אָן אויפהער דייטשע אַרטילעריע און מיליטער. מיר האָבן זיך דער־לויבט פאַרזוכן פונ׳ם טרוקענעם ברויט, איינ־געטונקען אין געזאַלטענע וואַסער און זיך געלייגט שלאָפן. די מאַמע האָט ניט געדרימלט, זי האָט מיר גערופן צו זיך אין איר בעט און מיט האַרץ־קלאַפעניש געזאָגט צו מיר: „מיין טאָכטער, דו ביסט שוין אַלט 13 יאָר, אפשר פאַרשטייסטו די לאַגע, איך וויל אַז דו מיט יהודית׳ן זאָלן גיין אין דער פרי קיין פּאַזאָוו, ניטאָ קיין אַנדערער אויסוועג".

„וואָס וועט דאָ זיין מיט דיר און מיט רבקה׳־לען, מאַמע"?

„מיר וועלן דאָ זוכן אַן עצה אין אַ סכנה, איך מיט רבקה׳לען וועלן זיך איבערדעקן מיט אַ ליילעך אין בעט ווי טויטע, זיי זוכן נאָר לעבע־דיקע, אפשר וועט אונדז געלונגען זיך אויסצו־באַהאַלטן אַזוי ביז נאַכט און דאַן וועלן מיר פּרוּוון זיך דערשלאָגן צו יאַנוש, אונדזער פריינט,

וואָס געפינט זיך אויסערן געטאָ. אויב ס׳איז אונדז באַשערט וועלן מיר בלייבן לעבן, איר, יונגע קינדער דאַרפט וואָס גיכער אַרויס פון געטאָ״. דער מאַמעס לעצטע ווערטער זענען איבערגעריסן געוואָרן און זי האָט זיך צעוויינט. דערנאָך האָט זי צוגעגעבן: „נאָך דער מלחמה וועלן מיר זיך ווידער צונויפקומען״. מיט דערשטיקטע טרערן האָב איך געפּרוווט אָפּוואַרפן איר פאָרשלאַג זאָגנדיק, אַז איך וויל זיין מיט איר אומעטום, אָבער זי האָט זיך געהאַלטן ביי איר מיינונג, — ב״ז איך בין אַנשלאָפן געוואָרן אין אירע אָרעמס.

אינדערפרי האָט די מאַמע ווידער מיר דערמאָנט אַז איך זאָל אוועק קיין פּזאָוו, אָנזאָגנדיק מיר זאָלן גיין בײדע. זי האָט אויפגעוועקט יהודית׳ן און אונדז אוועקגעשיקט. אין דרויסן איז נאָך געווען טונקל, רבקה׳לע איז נאָך געשלאָפן, ס׳איז געווען זייער שווער אויפן האַרצן, ווי שיידט מען זיך פון דער מאַמען און פון רבקה׳לען, ווער ווייסט וואָס עס דערוואַרט זיי — און אונדז אַלעמען ?..

די מאַמע האָט אונדז צוגעאיילט, הייסנדיק מיר זאָלן גיין צום פּאָליציאַנט ביי דעם געטאָטויער און בעטן פון אים אַ דערלויבעניש אַרויסצוקריגן עפּעס עסן פאַר אַ קראַנקער מוטער, ער וועט אייך ניט אָפּזאָגן, איך האָף. און זאָגנדיק די לעצטע ווערטער איז די מאַמע פאַרשוווּנדן הינטער אַ הויז.

מיר זענען גיך געקומען צום טויער וועלכן ס׳האָבן געהיטן 2 פּאָליציאַנטן, אוקראַינער, זיי האָבן אונדז אָנגעקוקט מיט פאַרווּנדערונג. איך האָב זיי גלייך געזאָגט: גוטע מענטשן, אונדזער מוטער ליגט קראַנק, קיין פּאָטער האָבן מיר ניט, לאָזט אונדז צוגיין אין דאָרף קריגן אַביסל שפּייז, זאָל אונדזער מוטער נישט שטאַרבן פון הונגער, גאָט וועט אייך באַצאָלן דערפאַר. זיי האָבן זיך צעלאַכט, נאָר איינער האָט באַמערקט: איר זעט ניט אויס ווי ידישקעס, איך וואָלט אייך געלאָזט נאָר מיין חבר וועט ניט מסכים זיין. פּרוווט דורכגיין דורכן פּלאַנקן, מ׳זאָל אייך נאָר ניט באַמערקן.

מיר זענען אוועק פון טויער, וואָס קען מען טאָן ?.. און דאָ באַוויזט זיך ווידער די מאַמע פון הינטערן הויז, ווייס ווי קאַלך, פרעגט זי: וואָס האָט ער אייך געזאָגט ? איך האָב איר דערציילט זיין תשובה. „ניטאָ קיין ברירה, — האָט זי געענטפערט מיט אַ טרויעריקער שטים, און צוגעגעבן „פּרוווט צוגיין צום אַמבולאַנס, דאָרט איז דער באַקוועמסטער אָרט אַריבערצוגיין״.

איך בין געגאַנגען מיט מיין שוועסטערל שווייגענדיקע. די גאַס איז נאָך געווען ליידיק. וווּ־ניט־וווּ עפנט זיך אַ טיר און אַ פאַרהילטע געשטאַלט באַוויזט זיך, לויפט אַריבער די שמאָלע גאַס און ווערט פאַרשוווּנדן ווי די ערד וואָלט איר איינגעשלונגען. דאָ און דאָרט קוקן אַרויס דערשראָקענע פּנימער פון פענסטער, זען וואָס ס׳הערט זיך אין גאַס.

די מאַמע האָט אונדז באַגלייט ביזן באַשטימטן אָרט, דאָרט זענען מיר דורכגעגאַנגען דורך די שטעכיקע דראָטן און מיר האָבן זיך געפונען אויסערן געטאָ. האַלטנדיק יהודית׳ן ביי דער האַנט זענען מיר שנעל געגאַנגען, פילנדיק עלנטקייט און שרעק. פון ווייטן האָבן מיר נאָך באַמערקט דער מאַמען, וועלכע איז געגאַנגען נאָנט צו די דראָטן און אונדז באַגלייט מיט איר קוק. מענטשן, וואָס האָבן אונדז באַגעגנט האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט, אַלץ איז אונדז געווען פרעמד. מיר זענען אַרויס אויפן וועג קיין אוסטילע. פון ווייטן האָבן זיך געפונען קאַזאַרמעס פון דייטשן מיליטער, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג אויפן וועג און יהודית האָט זיך דערשראָקן. מיר האָבן פאַרלאָזט דעם שאָסיי און אַראָפּ אויפן וועג ביי דער בריק פון פּיאַטידאָוו, אויפן טייך לוג. דאָ איז דער וועג קיין פּזאָוו, האָט אויסגערופן די קליינע יהודית, זי האָט געדענקט די וועג. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין און פאַרבייגעגאַנגען אַ שורה גריבער, איך האָב זיך דערמאָנט אַז אין געטאָ רעדט מען וועגן גריבער, און מיין שרעק האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט.

אונדזער ציל איז געווען פּאַזאָוו און מיר האָבן זיך צוגעאײַלט קומען אין דאָרף צו די באַקאַנטע גויים און געפינען אונדזער ברודער חיים. יהודית איז געבליבן בײַם ערשטן גוי אין הויז און איך בין געגאַנגען צו אַ צווייטן. מ׳האָט איבערגעגעבן חיים׳ען וועגן אונדז און ער איז געקומען צו מיר אויפ׳ן דריטן טאָג, דערציילנדיק אַז יהודית איז שוין ניט בײַ דעם גוי. ער האָט געקלערט, אפשר איז זי געקומען צו מיר. מיר האָבן זיך ביידע צעוויינט. ווו קען זי זײַן ? ער, חיים האָט געפּרוווט קלערן אַז זי איז אַוועק אַהיים, אָבער איך האָב אים איבערצײַגט אַז זי האָט מורא געהאַט גיין מיטן וועג פון אוסטילע, ווו עס דרייען זיך אַ סך דײַטשן און אַנדערע. ער איז אַריבער צום נאָכפאָרשן וועגן יהודית׳ן און צומאָרגנס, ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט פון פעלד מיט׳ן גוי׳ס בהמות האָט ער אויף מיר געוואַרט אַ בלייכער, אַ דערשלאָגענער. ער האָט מרי דערציילט אַז דער סטאַראָסטע פון דאָרף האָט באַקומען אַ באַפעל צונויפצוזאַמלען אַלע יידן פון דאָרף און זיי צושטעלן קיין אוסטילע. ווער ס׳וועט ניט אויספילן דעם באַפעל, דראָט אים טויט־שטראָף. דו און איך וועלן פונדעסטוועגן פאַרבלייבן דאָ אין דאָרף. מ׳האָט מיר צוגעזאָגט אונדז אויסצובאַהאַלטן.

איך האָב אים באַלד געענטפערט, אַז איך וועל גיין קיין אוסטילע, אפשר וועל איך דאָרט אויסזוכן יהודית׳ן. איך האָב געמוסר׳ט חיימען אַז ער איז אַ לייכטזיניקער, אַז ער לאָזט דער מאַמע אָן שפּיז, איצט גיי איך אַליין. דער גוי האָט מיר מיטגעגעבן אביסל עסנוואַרג און איך בין אַרויס צום זאַמל־פּונקט אין דאָרף, כדי צו גיין מיט אַלע יידן צוזאַמען. טרערן האָבן מיך געשטיקט הערנדיק די ברכות פון אייניקע גויים : „גאָט זאָל אײַך היטן, קינדער״!

(פאַרזעצונג קומט)

**אסתר שמוקלער**

# פון חורבן טשודנאָוו

**(פון אַ בריוו פון אַ טשודנאָווער ייד צו זײַנע קרובים אין טשיקאַגאָ)**

...דער ערשטער קרבן איז געווען דער רב פון שטאָדט, דער 87 יאָריגער ר׳ יוסף מאַסוק (מתוק). אין אַ פאַרנאַכט פון דעם אַכטן סעפּטעמבער 1941 זענען די נאַציס אַרײַן אין זײַן הויז און האָבן אים געהייסן אַנטאָן זײַן טלית און געצוואונגען צוויי אַלטע פרויען פירן אים אונטער די אָרעמס ווי צו דער חופּה איבער די גאַסן. געשמיסן מיט גומענע קישקעס האָט מען די אומגליקליכע געצוואונגען זינגען דעם גאַנצן וועג. נאָכדעם האָט מען דעם רב מיט די צוויי פרויען אומגעבראַכט און זיי אַרײַן געוואָרפן אין אַ גרוב איבער וועלכן זיי האָבן אוועקגעשטעלט אַ צלם.

אַ מיידל מיטן נאָמען גירשנער, וועלכע האָט געמאַכט אַ פּערזוך דעם צלם אַרויסצושלעפּן פון דעם רב׳ס קבר, האָט מיט איר לעבן באַצאָלט.

דעם צווייטן פרימאָרגן, דעם 9־טן סעפּטעמבער האָבן די נאַציס אָנגעהויבן פאַרניכטן די ידישע באַפעלקערונג : צוויי טויזנט מענער און פרויען זענען צונויפגעטריבן געוואָרן אין אַ קינאָ־טעאַטער. מ׳האָט זיי געזאָגט אַז מ׳גייט זיי פירן צו דער אַרבייט. פון דאָרט האָבן די נאַציס אַרויפגעזעצט ידן אויף אַ לאַסט־אויטאָ און זיי אוועקגעפירט אין מישעלסאָן־פּאַרק. אין דעם ערשטן אויטאָ האָבן זיך געפונען לאַזאַר כאַריטאָנאָוויץ פּריוואַן. ער האָט געפּאַכעט מיט זײַן היטל און געשריגן : „דאָס פירט מען מיך צו אַ זיכערן טויט !״

מ׳האָט געמיינט אַז ער איז משוגע און אים ניט גענומען ערנסט. 50 מאָל איז דער אויטאָ געפאָרן פון טעאַטער צום פּאַרק יענעם טאָג. מ׳האָט די מענטשן צו 500 אויף אַ מאָל געפירט צו אָפענע גריבער. איבער יעדן גרוב איז געווען אַ שמאָל ברעטל. אין אײנער פון יענע רייען איז אין יענעם טאָג געשטאַנען מײַן מאַמע מיט איר

שוועסטער און דער שוועסטער׳ס אַ טאָכטער. טוליענדיק צו זיי איז געשטאַנען אייער ברודער יאַנקל מיט אַ שטיקל ברויט אונטער אָרעם, ווייל ער האָט געמיינט אַז מ׳פירט אים טאַקי צו דער אַרבעט. יעדער איינער איז געצוווּנגען געוואָרן צו שטעלן זיך אויפן שמאָלן ברעטל און ווען דער קרבן איז אַרויף אויפן ברעטל — האָט מען אים גלייך דערשאָסן און ער איז אַריינגעפאַלן אין גרוב. די קערפּערס זענען געפלויגן אין דער לופט, די האָר האָבן זיך פּאַרטשעפּעט אין די צווייגן פון ביימער און שאַרבנס זענען געבליבן הענגען אין דער לופטן.

ליזאַ טאַן, די טאָכטער פון יאַנקל שמחה׳ס דער שוסטער, האָט וואַרטנדיק אין דער רייע געבוירן אַ קינד און דער נאַצישער מערדער האָט דאָס קינד פון איר אַרויס געריסן.

די נאַציס האָבן געוואָלט זייער מאַסן שחיטה מאַכן נאָך שוידערליכער און פּייניכער. אַנשטאָט צו שעכטן אַ פאַמיליע אויף אַ מאָל, האָבן זיי גענומען דעם מאַן, אָדער דאָס ווייב און אַ טייל פון דער פאַמיליע. די וועלכע זענען געבליבן לעבן האָבן געבעטן אויף זיך דעם טויט. די מערדער האָבן געצוווּנגען די אַלמנות חתונה האָבן מיט מענער וועמענס פרויען זענען דערמאָרדעט געוואָרן. פוקאַ, אולמאַנ׳ס פרוי, האָט געמוזט חתונה האָבן מיט איר קוזין בריטאַן; די אַלמנה פון חיים סיווער האָט געמוזט נעמען אַלס מאַן דעם זקן בראַנסאַוניק; משה מאיר ווּעסט, וועמענס פאַמיליע איז אויסגעשאָכטן געוואָרן און די אַלמנה פון דאָקטאָר ליבאַוו — זענען משוגע געוואָרן.

מיין פאָטער איז אומגעקומען אין דער צווייטער מאַסן שחיטה פון 16־טן אָקטאָבער 1941. יאַנקל׳ס פרוי, פריידל, מיט אירע 3 מיידעלעך, וועלכע זי האָט געטראָגן אויף די הענט — זענען געפאַלן אין דער צווייטער שחיטה. דעמזעלבן טאָג זענען געפאַלן שרה פורמן און אירע 2 קינדער. די נאַציס האָבן פּאַרפּייניקט אויפן שוידערליכסטן אופן די שיינע טאָכטער פון דעם לערער איסאַק כאַנע.

די דריטע מאַסן־שחיטה איז געווען אין נאָוועמבער פון זעלבן יאָר. ד״ר ליבאַוו און זיין טאָכטער, ד״ר פרענקעל מיט זיין פרוי, ד״ר וואָסקאָבויניק און זיין פרוי — זענען אַלע געשאָכטן געוואָרן. אפילו דער קריפּל חיים יאַנקל פליס און די טויב־שטומע ברידער און די שוועסטער פון מיראַסמאַן און אייער פעטער מרדכי, זענען אויך ניט געשאָנעוועט געוואָרן.

צוועלף מאַסן־קברים האָב איך אַליין איבערגעציילט. 78 יידן ליגן אין איין קבר אויפן בית־הקברות פון דער נייער טשודנאָוו. אויפן וועג קיין טוטנעק איז דער קבר פון אַרקע טוטניקער. נעבן דעם דערפל קראַסנאָסעלסקאַ איז באַגראָבן מאַשקע חנה׳ס און אויף דעם טשודנאָווער מאַרק איז דער קבר פון רוסיאַ פורמאַן, וועלכע האָט זיך אויפגעהאַנגען. 248 הייזער זענען פאַרניכטעט געוואָרן.

**פוניא**

# ראַטנער קדוש בנימין פריימאַן

בנימין פריימאַן איז געזעסן אויפן בוידעם איינגעגניורעט אין היי, פחד און איינזאַמקייט האָבן אים באַהערשט. אין זיינען אויערן האָט אָפּגעקלונגען דאָס געבעט פון זיין מוטער, וועלכע בעט רחמים ביי די רוצחים, ביי די באַלעכאָוויצעס, פאַרן לעבן פון איר מאַן, זיין טאַטן. ער האָט געהערט די פאַרצווייפלטע געשרייען פון זיין שוועסטער חנה, וועלכע ראַנגלט זיך מיט אירע פייניקער, געהערט זייער בהמה׳שן געלעכטער, ס׳איז צו אים דערגאַנגען דער באַפעל פון זייער פירער: צונויפצונעמען טרוקן האָלץ און פייערן דאָס באַפרייען פוילן מיטן פאַרברענען דעם „ראַבין" פון דאָרף קרעמנע.

די טרערן האָבן אים געשטיקט, ער האָט געוואָלט אַראָפּ פון בוידעם, אָבער דעם טאַטנס פאַרזאָג איז געווען שטאַרקער פון זיין ווילן: דו מוזט לעבן בלייבן און זיין מיין קדיש, אפשר וועסטו אויך אַמאָל נקמה נעמען... דאָס קראַכן

פון צעפלאַקערטן האָלץ האָט זיך גוט געהערט אין דאָרפישן פאַרנאַכט, אויסגעמישט מיט די פאַרצווייפלטע געשרייען פון זיין מאַמען, און פלוצים האָט זיך דערהערט אַ געשריי „שמע־ישראל״! און אַלץ איז אַנטשוויגן. בנימין איז אין חלשות געפאַלן.

פאַרטאָג איז בנימין אַראָפּ פון בוידעם. זיין שוועסטער חנה איז מיט אַ צעריסן קליידל, מיט פון שרעק אויסגעשטאַרצטע אויגן און אַ פאַרשעמטע, איז זי געזעסן נעבן איר מוטער, וואָס האָט מיט פאַרברענטע הענט געזאַמלט דעם הייסן אַש אין אַן ערדענעם טאָפּ. בנימין איז צו צום שייטערהויפן, געצומען אַ הייסע קויל אין האַנט און זי געהאַלטן ביז זי האָט אים אַן אָפּענע ווונדע געמאַכט. ער האָט געשווירן: איך וועל נקמה נעמען!..

יאָרן זענען אַריבער, איבער די פאַרבלוטיקטע וואָלינער שטעטלעך און דערפער. בנימין איז אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן אַ שטאַרקער בחור, מיט צוויי שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, וועלכע זענען שטענדיק ווי מיט אַ טרויעריקן וואָלקן געווען באַדעקט, זיין גאַנצע זאָרג איז געווען זיין מוטער און די שוועסטער חנה, און ווען זי האָט חתונה געהאַט האָט בנימין באַשלאָסן אויפצושטעלן אַ היים פאַר זיך. ער האָט חתונה געהאַט פאַר ר׳ ליבער קאַרש׳ס אַ טאָכטער פון ראָטנע, און דאָרטן געלעבט, ווו ער איז געווען באַליבט ביי אַלעמען. לאַנג רוייק לעבן איז אים ניט אויסגעקומען, אין 1941 האָבן די בעסטיאַלישע דייטשע מערדער, אַטאַקירט רוסלאַנד און ווען די רוסישע מאַכט האָט פאַרלאָזט די געגנט איז ראָטנע פאַרבליבן אָן וועלכער ס׳איז מאַכט. דאָס האָט דערפילט די אוקראַאינישע באַפעלקערונג. פאַר זיי איז דאָס געווען אַ גינסטיקע צייט אויף צו פּאָגראָמירן און ראַבירן יידן. עס האָט זיך אָרגאַניזירט אין שטעטל אַ זעלבסט־שוץ און מיט אנגסט געוואַרט אויף די קומענדיקע טעג.

אין אַ געוויסן פאַרטאָג האָט מען געקענט באַמערקן ווי פויערים הויבן אָן אָנצוקומען אין שטעטל מיט וועגענער, זעק, באַוואָפנטע מיט העק און אייזערנע שטאַנגען. דריי פון זיי זענען אַריין אין הויז פון אברהם האַכמאַן, דער שוואָגער פון בנימין פריימאַן, און אָנגעהויבן ראַבירן. ווען בנימין איז אַריינגעקומען, דערזעענדיק די באַנדיטן האָט ער מיט אַ פלינקער באַוועגונג אָפּגעהאַקט איינעם דעם קאָפּ, אָבער ער אַליין איז שווער פאַרוואונדערט געוואָרן פון די צוויי אַנדערע, וועלכע זענען גיך אַנטלאָפן.

דעם פגר פון מערדער האָט מען אַרויסגענומען פון הויז. בנימין האָט אין זיינע לעצטע גסיסה־מינוטן באַוויזן צו זאָגן „כ׳האָט אויסגעפירט מיין הייליקן טאַטנס צוואה, כ׳האָב נקמה גענומען״. ער איז אויף אייביק אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער אין ראָטנע איז מער קיין פּאָגראָם ניט פאָרגעקומען, בנימין האָט מיט זיין לעבן דערפאַר באַצאָלט.

**וועלוול גראַבאַוו**

# געראַטעוועט פון ראָוונער ברידער־קבר

די ווייס־גרויע 35 יאָריקע פרוי זילבער, וואָס זעט אויס ווי אַ זיבציק־יעריקע פון איבערלעבענישן, דערציילט וועגן צוויי געראַטעוועטע פונ׳ם ברידער־קבר אין ראָוונע אין וועלכן ס׳זענען אַריין געוואָרפן 17500 קרבנות אין טאָג ט״ז חשון תש״ב (6 נאָוועמבער 1941).

זי רעדט און רעדט אָן אויפהער וועגן אירע שווערע זכרונות פון דער שוידערלעכער פאַרגאַנגענהייט אין יענע בלוטיקע טעג, וועלכע האָט געבראַכט צום פאַרניכטן פון וואָלינער יידנטום. זי דערציילט וועגן אַ פאַל מיט דער געראַטעוועטער ביילקע גרינבערג און איר מאַן יוסף זילבער פון קאָרעץ, וועלכע זענען ניצול־געוואָרן בנס פון פאַרשאָטענעם גרוב פון ראָוונער פאַרשניטענע יידן, צווישן וועלכע ס׳זענען געווען יידן אויך פון אַרומיקע שטעטלעך.

אין ראָוונער געטאָ זענען אויסגעהאַנגען געוואָרן דעם 5־טן נאָוועמבער 1941 גרויסע מעלדונגען, אַז ווער עס האָט ניט קיין אַרבעטס־באַשטעטיקונג דאַרף זיך שטעלן אין אַ באַשטימטן פּלאַץ מאָרגן פרי און מיטברענגען זיינע חפצים.

לויטן באַפעל זענען אַלע יידן פאַרפליכטעט געווען קומען צום פּלאַץ, מיטן אויסרייד אַז מען וועט זיי איבערפירן אויף אַ בעסערן אַרבעטס־פּלאַץ, נאָר די כוונה איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע.

ס׳איז געווען אַ קאַלטע נאַכט, די שרעק און קעלט האָבן דורכגענומען אַלע אברים. פאַרביטערטע און דערשראָקענע האָבן מיר אַלע אין געטאָ זיך געגרייט יענע נאַכט און גאַנץ פרי זיך געלאָזט מיט פּעקלעך און קינדער צום פּלאַץ, פון וועלכן מ׳האָט אונדז געפירט אין שטאָטישן גאָרטן, ווו מ׳האָט צוגענומען אונדזערע פּעקלעך און אונדז געשיקט אין נאָענטן וועלדל „סאָסענקי״ נעבן ראָוונער טורמע.

דאָ האָט זיך דער פּלאַן פון די מערדער פאַר אונדז בולט באַוויזן. דער פּלאַץ איז געווען אָפּגעהייט דורך דייטשן און אוקראַינישע פּאָליצייאַנטן. די געבראַכטע יידן האָבן זיך געפונען אונטער אַ וואַך. גיין צוריק איז נישט מעגלעך געווען. מיר האָבן געזען פאַר זיך צוויי לאַנגע אויסגעגראָבענע גריבער און דער חשד איז געוואָרן שטאַרקער. מיט די צונויפגעזאַמלטע איז געווען אויך דער רב מה־יפית, וועלכער האָט געערעדט פאַר דער עדה און זיי געשטאַרקט אין דער לעצטער שעה. טראַגישע געוויינען און יאָמערן האָבן געהילכט ווען מ׳האָט אַלע אויסגעשטעלט, אַלט און יונג, מיט קליינע קינדער אין רייען לענגאויס די גריבער און מיר האָבן דערזען דעם סוף. שרעקלעכע האַרץ־רייסנדע געשרייען „שמע ישראל״, געוויין און קללות צו די עמלקים־מערדער. די בילד איז ניט צו באַשרייבן...

די 15־יאָריקע מיידל, ביילקע גרינבערג, האָט איבערגעגעבן ווי אַזוי זי האָט זיך געראַטעוועט פון גרוב:

„שטייענדיק ביים גרוב בין איך געווען פאַרשטיינערט, ניט געקענט אפילו וויינען, ניט באַגרייפנדיק וואָס ס׳קומט פאַר פאַר מיינע אויגן. איך האָב דערהערט 2 זאַלפן פון מאַשין־געווער. די אומגליקלעכע זענען ווי מיט אַ קאָסע אָפּגעשניטן געוואָרן און אַריינגעפאַלן אין גרוב, אייגער אויפן אַנדערן מיט געוואַלדיקע אויסגעשרייען, ווער טויט, ווער פאַרווונדעט.

אויך איך בין אין גרוב אַריינגעפאַלן, אָבער ניט געשעדיקט, איך בין געוואָרן צוגעדריקט צום וואַנט פון גרוב, ווייל איך בין געווען פון די לעצטע אין דער צווייטער ריי, וועלכע די קוילן האָבן ניט געטראָפן. דאָס איז פאָרגעקומען גאַנץ צופעליק, אפשר אַ גורל אַזאַ, ווער ווייסט... איך האָב זיך געפונען אַ פאַרחלשטע פון שרעק און פון דער דערשטיקנדער לופט אין גרוב. ליגנדיק אויף וואַרעמע קערפּערס, וועלכע האָבן זיך נאָך געראַנגלט מיטן טויט. מיין באַוווסטזיין האָט זיך אין מיר גיך דערוועקט. איך האָב געהערט אַ באַוועגונג פון פאַרשיטן ערד אויף דער אָנגעפולטער גרוב, אָבער כ׳האָב געפילט אַז איך בין ניט שטאַרק באַדעקט. ס׳איז געוואָרן שווערער פון מינוט צו מינוט, כ׳האָב געפּרוווט מיט די הענט אָפּשאַרן די ערד וואָס האָט אויף מיר געדריקט. מיט מיינע לעצטע כוחות האָב איך באַוויזן אויסצושטרעקן אַ האַנט אין דער לופט, נאָכדעם די צווייטע האַנט און צום סוף דעם קאָפּ, און דערפילט אַז איך אָטעם. ס׳איז שוין געווען אָוונט, פייכט און קאַלט, קיין לעבעדיקע נפש איז ניט געווען צו זען אויפן פּלאַץ. איך האָב זיך אָנגעשטרענגט ביז ס׳מיר געלונגען אַרויסקריכן פון גרוב. איך האָב ניט געגלויבט אַז איך לעב און בין אַרויס פון גרוב. אַ פאַרשמוציקטע, פאַרבלוטיקטע מיט יידיש בלוט בין איך געלעגן אויף דער ערד און ניט געוווסט וואָס טאָן.

דאָ האָט מיר מיין איבערלעבעניש געשטאַרקט, ס׳איז מיר גלייך איינגעפאַלן אַ געדאַנק גיין קיין קאָרעץ, מיין געבוירן שטאָט, צו דעם קריסט סאַוויצקי, מיט וועלכן מיין פאָטער פלעגט האַנדלען. כ׳בין קוים געקראָכן אויף דער ערד אין דער ריכטונג צו קאָרעץ, ביזן עק וועל־

דל, און געפאַלן חלשות אונטער אַ גרויסן בוים, און ווי ס'ווייזט אויס — איינגעשלאָפן. כ'האָב זיך אויפגעכאַפט הערנדיק אַ דערשטיקטן געוויין און גלייך זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון געוויין. אין דער פינסטערניש האָב איך באַמערקט אַ סילועט, וואָס הויבט אָן לויפן צווישן די בוימער. איך האָב אויסגעשריען: שטעל זיך אָפ, איך בין אַ ידישע טאָכטער, און זיך דערנענטערט. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ יינגל, כמעט נאַקעט און פאַרבלאָטיקט, ער האָט געציטערט... ס'האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן, אַז אויך ער איז אַרויסגעקראָכן פון קבר. מיר זענען געוועזן דערשלאָגן און גערירט. כ'האָב אים דערציילט וואָס מיט מיר איז געשען און מיר האָבן זיך דערפילט נאָענט איינער צום אַנדערן. ווען דאָס יינגל האָט דערהערט אַז איך בין אַ טאָכטער פון קאַרעצער גאַרבער, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט, זאָגנדיק מיט טרערן, אַז ער קען גוט מיין פאָטער, ער אַליין איז יאָסי זילבער, דעם שניידערס זון. מיר האָבן ביידע ביטער געוויינט, זיצנדיק אויף דער נאַסער ערד.

ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן. איך האָב פאָרגעלייגט אַז מיר זאָלן זיך דערשלעפן קיין קאָרעץ, צו מיין פאָטערס פריינט סאַוויצקי, וועלכן איך האָב גוט געקענט, האָפנדיק אויף הילף פון אים. מיר האָבן זיך מיט די לעצטע כוחות דערשלעפט צו סאַוויצקיס הויז. איך האָב געהאַט העזה, און אָנגעקלאַפט אין פענסטער. ס'האָט זיך באַוויזן סאַוויצקיס פרוי, דערשרעקנדיק זיך פאַר אונדז האָט זיך פונדעסטוועגן געעפנט די טיר און געפרעגט ווער מיר זענען? איך האָב זיך צעוויינט און איר דערציילט וועגן דער ראָוונער אַקציע, בעטנדיק ביי איר שוץ און הילף. די פרוי האָט זיך איבערגעקוקט מיט איר מאַן, זיי האָבן מיר דערקענט און האָבן אונדז ביידן אַריינגענומען און שטוב אַריין. מ'האָט אונדז געבראַכט וואַסער, זיך אַרומצוּוואַשן און אַלטע מלבושים, און אונדז דערלאַנגט ברויט מיט מילך. מיר זענען געווען מאַכטלאָז און שטאַרק איבערראַשט פון דער באַציאונג צו אונדז, ממש מלאכים פון הימל (די סאַוויצקיס זענען געווען פאַרמעגלעכע קינדערלאָזע מענטשן). זיי האָבן אונדז געפרווט באַרויִקן און אונדז אַראָפגעפירט אין זייער קעלער, וווּ זיי האָבן געבראַכט שטרוי מיט קאָלדרעס, צוזאָגנדיק פאַר אונדז צו זאָרגן.

זייער גוטהאַרציקייט האָט אונדז ביידן גערירט. ווען זיי האָבן פאַרריגלט די טיר האָבן מיר געהערט ווי זיי האָבן צוגערוקט אַ שאַפע צו דער טיר, כדי צו באַשיצן דעם אַריינגאַנג אין קעלער. מיר זענען גיך איינגעשלאָפן צעבראָכענע און דערשלאָגענע. מיר זענען לאַנג־לאַנג געשלאָפן, ביז פרוי סאַוויצקי איז געקומען אונדז וועקן, אויפגעוועקט אונדז פאַרזיכטיק און געבראַכט פאַר אונדז עסן און טרינקען. זיי האָבן אונדז באַדינט ווי אייגענע עלטערן, וואָס מיר וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן. פון דער נאַכט בין איך גרוי געוואָרן. טעג און וואָכן און חדשים האָבן זיך געצויגן, און די טרייע סאַוויצקיס האָבן אונדז אָפגעהיט.

נאָך דער נאַצישער מפלה זענען מיר, נאָך אַ סך וואַנדערונגען, געבראַכט געוואָרן קיין ארץ־ישראל, און מיר האָבן אָנגעהויבן אַ ניי לעבן אין דער פרייער מדינת ישראל. פאַר דער צייט זענען מיר אויסגעוואַקסן, עלטער געוואָרן, געלערנט עברית און פאַכן. יאָסי, וועלכער איז יינגער פון מיר מיט 2 יאָר, האָט ניט געוואָלט זיך שיידן פון מיר, זיין וועג־ווייזערין, זיין עלטערע שוועסטער אין ליידן און אין פיין; מיר האָבן באַשלאָסן בויען בשותפות אַ פאַמיליע און האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אונדזער לאַנד, ניט פאַרגעסנדיק אונדזערע אמת'ע בעלי־טובה, די סאַוויצקיס".

מ'קען זאָגן: אַ פאַמיליע וואָס איז אויפגעשטאַנען תחיית־המתים פון קבר אַרויס.

**בתיה חנקין (גארין)**

# מיזאטשער יידן אויף צוואנגס־ארבעט

מיזאטש איז געווען אַ קליין שטעטל אין דער געגנט פון ראָוונע און דובנע, 18 קילאָמעטער פון זדאָלבונאָוו. דאָס שטעטל איז געווען באַווינט פון יידן, וועלכע האָבן געלעבט אַ רואיק לעבן לאַנגע דורות. ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט וואָלין איז דער גורל פון מיזאטש געוואָרן דער זעלבער פון אַלע אַנדערע יידישע וואָלינער ישובים, נאָר דער גורל האָט געוואָלט אַז דאָס דאָזיקע שטעטעלע זאָל זיין מיט די לעצטע צו דער פאַרניכטונג, אַ דאַנק אַ דייטש — פון די געציילטע חסידי אומות העולם — אינזשיניער גרעבע.

די דייטשע מאַכט האָט איבערגעגעבן צו דער דייטשער פירמע „יונג" דאָס אויספירן אין זדאָלבונאָוו, וואָס איז פון יאָרן לאַנג געווען אַ צענטראַלער באַן־קניפּ, דאָס בויען אַ באַן־ליניע און אָנפירן מיט אַ באַן־דיעפּאָ, רעמאָנטירן באַנען, און נאָך אַ סך ענלעכע ארבעטן פאַר דער דייטשער אָקופּירטער ארמיי.

די דייטשן האָבן צונויפגעטריבן ארבעטער פון דער גאַנצער געגנט און זיי געניט ארבעטן פאַר דער פירמע „יונג".

אויסער פּאָליאַקן און אוקראַינער זענען אויך געבראַכט געוואָרן יידן, וועלכע זענען באַלד געוואָרן הפקר. פון מיזאטש זענען ארויסגעטריבן געוואָרן בערך 150 יידן קיין זדאָלבונאָוו, ארבעטן פאַר דער פירמע „יונג". יידן האָבן זיך געפּרוווט אויסבאַהאַלטן, מ׳האָט מורא געהאַט, ניט גלויבנדיק, אַז „מ׳נעמט נאָר אויף אַרבעט", נאָך דעם וואָס אין אַנדערע ערטער האָט מען פאַרנאַרט. ווער ס׳איז געכאַפּט געוואָרן, איז אָפּטראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין זדאָלבונאָוו. באַלד האָבן זיך אָבער די מיזאטשער יידן איבערצייגט, אַז דאָס איז לעת־עתה אַ פּלאַץ פאַר ארבעט, ניט ווייט פון זייער היים, און מ׳האָט זיך געטרייסט מיט דער געשאַפּענער לאַגע, כאָטש די ארבעט איז געווען אַ שווערע (גראָבן, טראָגן, איבערפירן בוימאַטעריאַלן א.א.וו.) ס׳איז צו באַמערקן, אַז פּאָליאַקן און אוקראַינער האָט מען באַשעפטיקט ביי גרינגערע ארבעטן ווי די יידן. מ׳האָט געהאַרעוועט שווער. די באַגרענעצטע שפּייז צוטיילונג האָט זיי צוגעשטעלט דער מיזאטשער יידן־ראַט.

דער הויפּט דירעקטאָר פון דער פירמע „יונג", אינזשיניער גרעבע, איז געווען אַ יידן־פריינט. ער האָט אַ סך געהאָלפן די ביי אים באַשעפטיקטע יידן, און אַ דאַנק אים טאַקע זענען אָפּט אָפּגעלייגט געוואָרן די גזרות וועגן פאַרניכטונג. זיין פאַרטרעטער — **מאַקס שמאַליער**, איז אָבער געווען אַ בייזער, שלעכטער און ווילדער נאַצי. זיין געהילף — **שוואַבע — אַ פּשוטער נאַצי־מערדער!** זיי בײדע האָבן אָנגעטאָן זייער אַ סך צרות די יידישע ארבעטער. די מיזאטשער צוואנגס־ארבעטער האָבן פון זיי געליטן טאָג־טעגלעך. זיי האָבן אָפּט אָן רחמים, אַזוי געשלעפּט אין זייער סקלאַד פון מאַטעריאַלן יידן און זיי דאָרט געשלאָגן אָן רחמים, אַזוי אַז ווער ס׳איז ארויס פון זייערע הענט לעבעדיק — איז ער אָבער פאַרבליבן אַ קאַליקע און אפילו באַלד נאָכדעם געשטאָרבן פון די שרעקלעכע וווּנדן. זיי האָבן אויך געשטערט דעם אינזשיניער גרעבע אין זיינע פּלענער צו העלפן די יידן.

מיין גורל איז געווען צו זיין צווישן די צוואנגס־ארבעטער פון מיזאטש. די תקופה פון צוואנגס־ארבעט אין זדאָלבונאָוו האָט זיך געצויגן כמעט אַ יאָר. אין דער צייט זענען פאָרגעקומען „אַקציעס" פון וועלכע די שטעט און שטעטלעך זענען געוואָרן „יודן־ריין". דאָס איז פאָרגעקומען לויט דער פאַראָרדנונג פונ׳ם הויפּט הערשער פאַרן וואָלינער געביט — קאָך, און דער באַוווּסטער געביטס־קאָמיסאַר מאַרשאַל.

מיר האָבן געציטערט פאַרן ביטערן סוף, וועלכן ס׳איז געווען צו דערוואַרטן.

(פאָרזעצונג קומט) **נחום קאַפּיט**



# געשטאַלטן

## עדה יגורי



כ׳ טבת תשכ״ו איז אוועק פון אונדז די פערוואַלטונגס־מיטגלידערין פון וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער ייִדן עדה יגורי. פון די גרינדער פון קיבוץ יגור.

עדה יגורי איז געווען תמיד גרייט טון אַלץ פאַרן געדאַנק פון בויען דעם „היכל וואָלין״. און ווירקליך, זי האָט מער געטאָן ווי גערעדט און ניט איינמאָל זענען מיר אַלע נתפּעל געוואָרן פון איר זאַכלעכן און פּראַקטישן צוגאַנג צו פאַרשידענע פּראָבלעמען פון פערווירקליכונג.

ס׳קורץ דאָ דער פּלאַץ אָפּצושאַצן איר 42 יעריקער טעטיקייט אין ישראל. עדה יגורי איז געווען פון די הויפּט־זיילן פון סעקרעטאַריאַט פון הקיבוץ המאוחד, גרינדערין פון דערציונג־קאָמיסיע, פון „מרכז החינוך״, פון קיבוצים־סעמינאַר, חברה פון געזעלשאַפטס־קאָמיסיע פון קיבוץ און פון יונגט־אָפּטיילונג פון הקיבוץ המאוחד וואָס איז זיי געווען ווי אַ מוטער און זיי באַגלייט אין אַלע זייערע וועגן. און ווען איז זי ניט געווען גרייט אויסצושטרעקן הילף?

עדה איז אויך געווען טעטיק פאַר דער אַנקומענדיקער יוגנט נאָכן גרויסן אומגליק, האָט דערצויגן יתומים און זיך זיי איבערגעגעבן מיט לייב־און־לעבן.

עדה איז געבוירן אין זשיטאָמיר אין 1903, אין אַ הויז פול מיט רוסישער קולטור און קאַמף פאַר פרייהייט און ליבעראַליזם. איר נאַציאָנאַל־יידישער דערציונג האָט זי באַקומען אין איר יוגנט פון איר זיידן, וואָס האָט אין איר דערוועקט „דעם שטאָלץ פון אַמאָליקער ישראל און פון איר שטאַנדספּעאיקייט דורות־לאַנג״.

אַלט זייענדיק 13 יאָר האָט זי זיך פערבונדן מיט „פרייהייט יוגנט״ און פון דאַמאָלס אָן איז איר וועג געווען קלאָר פאַר איר. אין די יאָרן פון קריג און רעוואָלוציע, פון גרויסע האָפנונגען און גרויסע אַנטוישונגען.

16 יאָר איז זי אַלט געווען ווען זי האָט פרייוויליק אַנגעהויבן צענויפזאַמלען קינדער פון יידישע פליכטלינגען אין די שטעטלעך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. „דאָס איז אַ שטורמיש און כמעט הייליק קאַפּיטל אין מיין לעבן״, — דערציילט זי אין אירע זכרונות. דאָס איז געווען איר ערשטע בעגעגעניש מיט קינדער, וואָס האָט זיך געצויגן אויף אַלע אירע וואַנדער־וועגן אין גלות און דערנאָך אין קיבוץ אין ישראל, און זיך קיינמאָל ניט איבערגעריסן.

אין 1921 האָט זי געשמוגלט די גרענעץ קיין פוילן, און נאָך 3 יאָר טעטיקייט אין „החלוץ״, אין „החלוץ הצעיר״ אין וואַרשע, האָט זי עולה געווען קיין ישראל.

עדה האָט זיך אַנגעשלאָסן אין קיבוץ המאוחד אין כפר יחזקאל און געאַרבעט אין אָרטיקן בית־ספר פון זיין גרינדונג ביז זי איז אַריבער קיין יגור.

די קרוין פון איר טעטיקייט איז איר דערציהונגס איבערגעגעבענע אַרבעט אַלע יאָרן. משך פיל יאָרן איז זי געווען אַ חברה אין ועדת החינוך המרכזית. גלייכצייטיג האָט זי פיל געהאָלפן די נייע ישובים אין דערציהונגס פּראָבלעמען.

לעצטע יאָרן איז עדה געווען קראַנק אָבער נישט אויפגעהערט זיין טעטיק אויף וויפיל זי האָט געקענט. (פון „יומן יגור״, 19.1.1966).

# זלמן (זיאמע) גארין

שטאַמט פון אָסטרע (אָסטראָג — וואָלין), אַלע יאָרן געלעבט אין ראָוונע. יאָרן לאַנג געווען הויפּט אינסטרוקטאָר פון „אָרט" אין פּוילן. אַלעמאָל זיך באַטייליקט מיט דער דעלעגאַציע פון פּוילן, אין די זיצונגען פון וועלט־פאַרבאַנד פון „אָרט".

זלמן גארין האָט באַלאַנגט צו דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ביים אַנטשטיין פון אומאָפּהענגיקן פּוילן נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, שליסט ער זיך אָן אין „בונד", באַלאַנגט אַלעמאָל צו דער פּאַרטיי־לייטונג אין ראָוונע, איז אַקטיוו אין פאַריין פון האַנדל־אָנגעשטעלטע.

ביי די ערשטע דעמאָקראַטישע וואַלן צום ראָוונער שטאָט־ראָט, אין די יאָרן 28—1927, ווערט גארין אויסגעוויילט אלס ראָט־מאַן צום שטאָט־ראָט אויף דער ליסטע פון „בונד און פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען". דורך דער אַרבעטער פראַקציע פון אַנדערע ליסטס, מיט דער הילף פון די ראַטמענער פון די האַנטווערקער און קליינהענדלער, ווערט זלמן גארין אויסגעוויילט אלס לאַווניק אין מאַגיסטראַט (שטאָט־פאַרוואַלטונג), ווו ער האָט אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג פון שטאָטישע אונטערנעמונגען און דער אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער הילף. בכלל האָט ער פאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין דער שטאָט־ווירטשאַפט.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען די רעאַקציע אין פּוילן האָט זיך געשטאַרקט, בפרט אין די געביטן נאָענט צו דער סאָוויעטישער גרענעץ, ווי ראָוונע געפינט זיך, איז שוין ניט מעגלעך געווען פאַר די אַרבעטער קרייזן אָנצוהאַלטן זייער רעפּרעזענטאַנץ אין מאַגיסטראַט. זלמן גארין בלייבט אין מאַגיסטראַט אלס באַאַמטער.

אין יאָר 1939 ווערט די שטאָט ראָוונע אָקופּירט דורך דער רויטער אַרמיי, דאָס גאַנצע אָרומיקע לעבן ווערט געענדערט, דאָס ווירקט שלעכט אויפן געזונטצושטאַנד פון זלמן גארין. ער איז געשטאָרבן אין אָנהויב 1940. די יידישע קאָמוניסטן האָבן גענומען נקמה פאַר אַלע יאָרן, זיי האָבן ניט דערלאָזט צו קיין עפנטלעכע לויה...

**שייע שיכאַטאָוו**

# מרדכי נעבעס

געלעבט אַלע יאָרן אין ראָוונע. שוין אין די יינגע יאָרן פאַרבינדט זיך מרדכי נעבעס מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, באַלאַנגט צו די „פּאַראייניקטע". מיטן אַנטשטיין פון פּוילן אלס זעלבסשטענדיקע מלוכה, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, קומט צו אַ ווידעראויפלעבונג אין דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין ראָוונע. נעבעס טרעט אריין אין „בונד", באַלאַנגט אַלעמאָל צום פּאַרטיי קאָמיטעט, רעפּרעזענטירט דעם „בונד" אין דער יידישע קהילה. בעת די וואַלן צום ראָוונער שטאָט־ראָט אין די יאָרן 27—1928 ווערט נעבעס אויסגעוויילט אלס ראָט־מאַן פון דער ליסטע „בונד און די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען". אין שטאָט־ראָט, צוזאַמען מיט די איבעריקע בונדישע ראַטמענער, מיטן בונדישן לאַווניק, און דער אַרבעטער־פּראַקציע אין שטאָט ראָט, איז נעבעס זייער אַקטיוו און פּאָפּולער, זיינע אַרויסטרעטונגען אויף די זיצונגען פון שטאָט־ראָט און אין פאַרשידענע קאָמיסיעס, מאַכן תמיד אַ שטאַרקן רושם, אפילו אויף די קעגנער. ער איז געווען צווישן די געציילטע מומחים פון שטאָטישע בודזשעט ענינים. נעבעס איז געווען באַשעפטיקט אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט אין ביוראָ פון וואָלינער קאָמיטעט פאַר יתומים פאַרזאָרגונג פון „דזשאָינט".

ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פרוי פון די הענט פון די דייטשע רוצחים, דער גורל פון זיין איינציקן זון — איז אומבאַקאַנט.

**ש. שיכאַטאָוו**

## מאטעס שליף

אַ זון פון אַ מלמד אין ראָוונע. באַקומען אַ יידיש־טראַדיציאָנעלע דרציונג. אלגעמיין וויסן — דורך זעלבסט־בילדונג. געווען באַקאַנט אין ידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. מ. שליף האָט יאָרן לאַנג באַלאַנגט צו די „פאַראייניקטע" אין ראָוונע, נאָכדעם אריין אין „בונד" און געווען מיטגליד פון דער דאָזיקער פאַרטיי. שליף איז אויך געווען אַקטיוו אין פאַריין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע, און אין דער סעקציע פון גע־זעלשאַפטלעכע אָנגעשטעלטע ביים פאַריין. אין פאַרשידענע פעריאָדן נאָך דער רעוואָלוציע 1917, שפּעטער אין פוילן, ווען טראָץ אַלע רדיפות אויף ייִדן, זענען אין ראָוונע אָנגעהאַלטן געוואָרן די יידיש־וועלטלעכע שולן, איז שליף געווען איינער פון די אַקטיווסטע אויפן שול־וועזן געביט. ער איז אויך געווען דער פאַרוואַלטער פון יתו־מים־הויז אין ראָוונע.

מאַטעס שליף איז געווען אַ באַוווסטזיניקער און אויפריכטיקער סאָציאַליסט. ער איז אומגע־קומען אין ראָוונע אין דער גרויסער שחיטה אין 1942.

**שייע שיכאַטאָוו**

## ידיעות

# אין דער פעדעראציע פון די וואָלינער יידן אין אַמעריקע

די טעטיקייט פון דער פעדעראציע האָט זיך קענטיק פאַרברייטערט און געשטאַרקט. ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן פאַר דער באַל־דיקער אַרבעט, נאָכן זומער־סעזאָן. נייע שעפערי־שע כוחות זענען צוגעשטאַנען צום קאָמיטעט פון דער פעדעראציע אונטער דער לייטונג פונ'ם ענערגישן פרעזידענט מר ניסן פירער.

דער קאָנטאַקט מיט דער צענטראַלע פון „איגוד עולמי של יוצאי ווהלין" אין ישראל איז, אַ דאַנק דעם חשובן עסקן פון דער פעדעראציע און פון איגוד מר ליאו טשעקוועה, קענטיק גע־שטאַרקט געוואָרן. מ'דערוואַרט דאָס אָנקומען פון הער טשעקוועה קיין אמעריקע בערך נאָוועמבער־דעצעמבער כדי צו דערלידיקן וויכטיקע שלי־חות'ן אין אמעריקע און אין קאַנאַדע.

די פעדעראציע, אלס שותף צום אויפבויען דעם „היכל וואָלין" איז מוטיק און פירט אויס איר פליכט ווירדיק, באַטייליקנדיק זיך אין דעם וויכטיקן ווערק פון אויפשטעלן דעם „היכל־וואָלין", וועלכע בויט זיך שוין לויטן באַשטימטן פּלאַן אין גבעתיים.

# מעקסיקאָ, ארגענטינע און בראַזיל

לויט לעצטע ידיעות פון מעקסיקאָ שאַפט זיך דאָרט איצט אַ פאַראיין פון די וואָלינער יידן. די ערשטע טריט זענען שוין געטאָן געוואָרן. די באַציהונג צום אויפשטעלן דעם פאַראיין איז אַ ווארימע אין די וואָלינער קרייזן.

מיטן שאַפן דעם אָפּטיילונג פון איגוד עולמי של יוצאי ווהלין אין מעקסיקאָ פאַרנעמען זיך די עסקנים: ליובה גאָלדבערג, לעאָ טשעקוועה, צבי בערגער, צילה פליישער און זאב גראַבאָוו.

ס'זנעַן אָנגעקומען ידיעות פון ארגענטינע און בראַזיל, אַז די וואָלינער עסקנים האָבן צו־געטראָטן צו דער אקציע פאַרן „היכל וואָלין".

## פראַנקרייך

דער באַשלוס פון וועלט־פאַרבאַנד פון די וואָלינער יידן אויפשטעלן דעם „היכל וואָלין" אין ישראל האָט פאַראינטערעסירט די וואָלינער אין פראַנקרייך. נאָך מיט 3 יאָר צוריק האָט זיך

געבילדעט אין פאריז אַ פאראייניקטער קאָמיטעט פון אָפּשטאַמענדע פון וואָלין (קאָוועל, לוצק, ראָוונע, מאַציעוו א. א.), וועלכער האָט גענומען אויף זיך העלפן אויספירן דעם וויכטיקן פּראָיעקט. די אַקציע ווערט פאַרגעזעצט.

אין חדוש יולי ד.י. האָט דער פּרעזידיום־מיטגליד פון וועלט־פאַרבאנד ה' משה בורקא באַזוכט פאַריז און נאָך זיינע באַגעגענישן און אויפקלערונגען פאַר די פאַרשטייער פון דאָרטיקן וואָלינער קאָמיטעט מיטן פאַרזיצער ה' ווערבא בראש איז באַשלאָסן געוואָרן פאַרשנעלערן די אַקציע לטובת דעם „היכל וואָלין" אין פראַנקרייך. באַזונדערע געוויכט איז געלייגט געוואָרן אויף די פאַראייביקונגס־בלעטער (דפּי הנצחה), דורך וועלכע ס'ווערט געגעבן די מעגליכקייט יעדן וואָלינער פּערזענליך צו פאַראייביקן זיינע קדושים און פאַרשטאָרבענע.

אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, וועלכע ה' בורקא האָט אָפּגעהאַלטן מיט די רעדאַקטאָרן פון די פאַריזער ידישע צייטונגען ל. לענעמאַן א. א. איז צוגעזאָגט געוואָרן די פולע אונטערשטיצונג צום פאַראייביקן דאָס אומגעבראַכטע וואָלינער ידנטום דורכן „היכן וואָלין".

# אין די לאנדסמאנשאפטן אין ישראל

## דער ארגון קאָוועל

דער ארגון עקזיסטירט לערך 20 יאָר און האָט אַרויסגעוויזן קענטיקע טעטיקייט: אָרגאַניזירונג פון די קאָוועלער אין ישראל; הילף די געראַטעוועטע וועלכע זענען געווען צושפּרייט אין רוסלאַנד; מיטהילף די קאָוועלער עולים וואָס האָבן זיך דערלאַנגט קיין ארץ־ישראל; דאָס אַרויסגעבן אַ יזכור־בוך „קאָוועל"; בוימער־פלאַנצונג אין „יער הקדושים", יערלאכע אזכרות אין טאָג פון יאָרצייט און לעצטנס דאָס טעטיקייט אין די ראַמען פון איגוד עולמי של יוצאי ווהלין און באַשטימט אַ צימער — „חדר זכרון" אויפן נאָמען פון קאָוועל אין „היכל וואָלין".

אין קאָמיטעט פון ארגון זענען איצט פאַרטראָטן: צבי רעזניק (פאַרזיצער), ליובה גאָלדבערג, יצחק מרגלית, אליהו מאנדל, טוביה ווייסבראַט, שמואל רויטער און נח ביין.

דער אַדרעס: תל־אביב, רחוב מרים החשמונאית 20, דירה 3, — רזניק.

## דער ארגון קרעמעניץ

דער געזונטער חוש האט געבראכט צום אויפשטעלן דעם ארגון נאכן אנגעקומען פון די טרויעריקע ידיעות וועגן דער פארניכטעטער קרעמעניצער קהילה. די געראטעוועטע, וועלכע האבן געשילדערט די בלוטיקע טראגעדיע, קומענדיק קיין ישראל האבן געבראכט צום געדאנק ארויסגעבן דעם יזכור בוך קרעמעניץ אין ישראל אין יאָר 1954, פון די ערשטע יזכור ביכער אין אנדענק פון די וואלינער פארשניטענע קהילות.

אלע קרעמעניצער אין ישראל קלייבן זיך צונויף יעדעס יאָר צום יאָרצייט פון דער שחיטה (א' אלול) און זענען זיך מתייחד מיט זייערע אומגעקומענע קדושים. דער ארגון ציילט 380 משפחות.

מיט דער צייט האט דער ארגון געשאפן פארבינדונג מיט געוועזענע קרעמעניצער אין אמעריקע, ארגענטינע, קאנאדע און אנדערע לענדער, וועלכע שטיצן דעם ארגון מאראליש און מאַטעריעל. ביי יום־טוב געלעגנהייטן, אַדער ווען עס קומען קרעמעניצער געסט, ארדנט איין דער ארגון אויפנאמעס און פריינט־באגעגנעשן.

דער הויפט טאָט פונ'ם ארגון איז דאָס גרינדן דער ביבליאטעק פאר דער השכלה ליטעראטור אויפן נאמען פון ריב"ל (ר' יצחק בער לעווינזאָן) צום אנדענק פון די קרעמעניצער קדושים.

די טרייע עסקנים פונ'ם ארגון זענען שטאַרק איבערגעגעבן דעם חשובן אנשטאַלט, וועלכער ענטוויקלט זיך און שליסט איין אלע ווערק פון ריב"ל אין פארשידענע שפראכן. ה' יצחק רוכל איז איצט דער לייטער פון דער ביבליאָטעק.

לעצטנס האבן די קרעמעניצער אין ארגענטינע אַרויסגעגעבן אַ צווייטן יזכור־בוך קרעמעניץ אין ידיש, וועלכער איז שוין אנגעקומען קיין ישראל. מיטגלידער פון קאמיטעט: רוכל יצחק, מנוס גולדנברג, שמואל טייטלמן, אברהם ארגמן און יצחק פורטנוי.

אדרעס פונ׳ם ארגון: תל־אביב, רחוב זכרון־יעקב 8.

## דער ארגון דרושקאפאל

עקזיסטירט זייט 1944 און ציילט 70 מיטגלידער, צווישן זיי 15 פון די געראַטעוועטע פון די שחיטות און בלוטיקע אקציעס. דער ארגון האָט געהאלטן פאר זיין ערשטן חוב פאראייביקן די אומגעקומענע דורך די נאציס און האָט געפלאנצט בוימער אין „יער הקדושים", באשטימט א מצבה אין „מרתף השואה" און ארויסגעגעבן א יזכור בוך כדי פאראייביקן דער דרושקאפּאלער קהילה און אירע קדושים מיט איר פארגאנגענהייט. דער בוך „עיירתנו דרושקאפאל" שילדערט דאס ידישע לעבן און אומקום און שטעטל.

די דרושקאפאלער אין ישראל זאמלען זיך צונויף יעדן יאר צו א אזכרה נאך די אומגעקומענע. ביז איצט האָט דער ארגון ניט געפונען א וועג זיך פארבינדן מיט זיינע לאנדסלייט אין אמעריקע, אָדער אנדערע לענדער. דער ארגון שטייט אין פארבינדונג מיטן אגוד עולמי של יוצאי וואָלין.

אין קאָמיטעט פון ארגון פיגורירן: אדירי פנחס, בן־אריה בנימין, גייהער צפורה, דייגי רבקה, הירשפעלד אברהם, האכבערג שלמה און ינאי צבי. דער אדרעס פון ארגון: חיפה, רחוב עבאס 61, ע״י ב. בן־אריה.

## דער ארגון באזאר

בערך 50 משפחות פון באזאר און סביבה געפינען זיך אין ישראל. זיי האָבן געשאפן דעם ארגון צוריק מיט 3 יאָר, וועלכער האָט זיך אַנגעשלאָסן אינ׳ם וועלט־פארבאנד פון די וואָלינער ידן (איגוד עולמי של יוצאי וואָלין) און געזאָרגט אז מ׳זאָל באשטימען אַ יזכור־צימער צום אָנדענק באזאר אין „היכל וואָלין", וועלכן דער וועלט־פארבאנד האָלט שוין אין בויען.

דער ארגון שטייט אין פארבינדונג מיט די באַזארער לאנדסלייט אין אמעריקע צו געמיינזאַמער טעטיקייט פארן „היכל וואָלין" און אנדערע ענינים.

אלע באזארער אין ישראל זענען רעגיסטרירט אין ארגון און באטייליקן זיך אין די אזכרות פאר די קדושים, וועלכע ווערן איינגעאָרדנט יעדעס יאָר צום אָנדענק פון די אומגעקומענע קדושים.

דער קאָמיטעט פון ארגון איז טעטיק און אלע זיינע מיטגלידער זענען אָקטיוו.

אין קאָמיטעט פון ארגון זענען פארטראָטן: מלכה בן־פורת, נתן הררי, פנחס וויינרמן, נתן קרביץ, איסר קו־ונקי. יצחק שומרוני און נח שפיר.

אדרעס: תל־אביב, רחוב נצח־ישראל 11 דירת פנחס וויינרמן.

## דער ארגון אוסטילע

מיטן באקומען די טרויעריקע ידיעות וועגן חורבן אוסטילע האָבן זיך דערוועקט די אוסטילער אין ישראל אין 1943 און זיך אָרגאַניזירט אין זייער ארגון. ס׳איז אַרויסגעשיקט געוואָרן הילף (קליידער, שיך און שפייז) צו די געראַטעוועטע, ביז זיי האָבן געפונען זייער וועג, ווער קיין ארץ־ישראל און ווער ס׳האָט עמיגרירט אין אנדערע לענדער. אלע אָנגעקומענע אין ישראל זענען אויפגענומען געוואָרן און געשטיצט דורכ׳ן ארגון.

אין 1959 איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ מצבה טאָוול דער קהילה אוסטילע אינ׳ם מרתף־השואה אין ירושלים צווישן די מצבות פון אנדערע וואָלינער פארשניטענע קהילות. אין 1961 האָט דער ארגון מיט דער הילף פון אוסטילער סוסייטי אין אמעריקע אַרויסגעגעבן אַ יזכור־בוך „אוסטילע" אין עברית און ידיש.

דער יאָרצייט נאָך די אוסטילער אומגעקומענע ידן איז י״ח אלול. די אוסטילער אין ישראל קלייבן זיך צונויף אין דעם טאָג (אין תל־אביב אָדער אין חיפה) צו אן אזכרה. די באַציאונגען

צווישן די אוסטילער זענען משפחה׳דיקע און זיי האָבן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די צע־שפרייטע שטאָטלייט אין אַמעריקע, אַרגענטינע, קאַנאַדע, מעקסיקע און אַנד.

דער אַרגון איז אַנגעשלאָסן אין וועלט פּאַר־באַנד פון די יוצאי וואָלין און האָט באַשטעלט אַ „חדר־זכרון" אין „היכל וואָלין", וועלכער בויט זיך איצט צום אָנדענק פון דער אוסטילער קהילה און אירע קדושים. אַלע אוסטילער שפּענדן פאַר דעם צוועק. אין קאָמיטעט פונ׳ם אַרגון: אריה אבינדב, בצלאל האלפערן, יצחק פאַרבער, צילה פליישער, סימע ראָטענבערג און אליהו שלעכ־טער. אַדרעס: תל־אביב, רח׳ אבן־גבירול 162 ע״י צ. פליישר.

## דער אַרגון טרווויץ און אַסטראָזשעץ

דער אַרגון ציילט 64 משפחות (לערך 200 נפשות) פון זיי 46 פון טרוּוויץ און 18 פון אָס־טראָזשעץ, וועלכע זענען פאַראייניקט אין איין פאַרבאַנד און זענען טעטיק זינט ס׳זענען אָנגעקו־מען די געציילטע געראַטעוועטע פון דער נאַ־צישער פאַרניכטונג. צום אָנדענק פון די קדושים פון די צוויי שטעטלעך האָט דער אַרגון באַשטימט אַ מאַרמאָר־מצבה אין „מרתף השואה" אין ירוש־לים, געפלאַנצט ביימער אין „יער הקדושים" און גיט איצט אויך אַרויס אַ יזכור־בוך פון די שטעט־לעך און זייער אומקום.

זייענדיק פאַראייניקט מיט די וואָלינער אַר־גונים אין אויפבוי פון „היכל וואָלין" — האָט דער אַרגון, מיט דער הילף פון דער חשוב׳ער אידאַ ראַזאָוו פון הרצליה באַשטימט אַ בשות־פות׳דיקן (צוזאַמען מיט דעמידאָווקע) חדר־זכרון אינ׳ם היכל, וועלכער בויט זיך צום אָנ־דענק פון די 2 קהילות. אין קאָמיטעט פון אַרגון זענען: יהודית זכאי־פירער, צבי דאַניוק, אברהם בלובשטיין, דוד מאַראַנץ, אידאַ ראַזאָוו און ראובן ראַבערמאַן. אַדרעס: תל־אביב, רח׳ וייצמן 26 ע״י יהודית זכאי.

## דער אַרגון פּאַטשאַיעוו

אין אַמעריקע עקזיסטירט אַ פּאַטשאַיעווער פאַרבאַנד שוין פון לאַנג. אין ישראל האָט זיך אָרגאַניזירט אַן אַרגון אין יאָר 1944, וועלכער ציילט העכער 40 משפחות. דער אַרגון האָט באַשטימט אַ לוח־זכרון אין מרתף השואה אין ירושלים און אָרדנט איין אזכרות נאָך די קדושים פון שטעטל אין חודש אלול. דער פאַרבאַנד אין אַמעריקע האָט אַרויסגעגעבן אַ יזכור־בוך אין יידיש. דער דיכטער שלמה סקולסקי, וועמעס פראַגמענט פון אַ פּאָעמע איז געדרוקט אין דער אויסגאַבע — שטאַמט פון פּאַטשאַיעוו.

## אַ ספּעציעלער פאַראייביקונגס פּראָיעקט פאַר מעצענאַטן

ה׳ לעאָ טשעקווער גרייט איצט צו אַ ספּעצי־ע־לן פּראָיעקט פאַר מעצענאַטן צום פאַראייביקן פערזאָנען, משפחות, א.א. דורכ׳ן „היכל וואָלין". אַלע פאַראינטערעסירטע קענען זיך ווענדן צו דער פעדעראַציע פון די וואָלינער יידן אין אַמע־ריקע, אָדער צום איגוד עולמי של יוצאי ווהלין לויטן אַדרעס: תל־אביב, שדרות רוטשילד 30. ת. ד. 2540. דער זעלבער אַדרעס גילט אויך פאַר דער רעדאַקציע פון „ילקוט וואָלין".


**צו אַלע וואָלינער איבער דער וועלט!**

**דער „היכל וואָלין" בויט זיך!**

יעדער פון אייך ווערט אויפגעפאָדערט זיך צו באַטייליקן געהעריק מיט זיין תרומה פאַרן „היכל וואָלין"!

**פילט אויס אייער חוב!**

די פאַרוואַלטונג פון
איגוד עולמי של יוצאי וואָלין



רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע:

ח. ב. אלון, ז. איגרת, מ. בורקא, א. גל, ז. גרבוב און י. טאַבאַטשניק.

אַרויסגעגעבן דורכ׳ן וועלט־פאַרבאַנד פון די וואָלינער לאַנדסלייט

צענטראַלע אין ישראל.
תל־אביב, שד׳ רוטשילד 30, ת. ד. 2540

## ציון
חברה לבטוח בע״מ

כל עסקי בטוח

משרד ראשי: תל־אביב, 120, טל. 614711

סניפים בכל ערי ומושבות בישראל

## יכין חקל בע״מ
עיבוד פרדסים, קטיף ואריזה,
שיווק פרי הדר ותוצרת חקלאית
נטיעה חדשה של מטעים
תעשית תוצרת לואי של פרי הדר ופירות.

המשרד הראשי:
תל־אביב, רח׳ לינקולן 9 (בית מקורות), ת. ד. 332,
טלפון 30055.






כוכב סיגריות הפילטר

הסנה ביטוח
הסנה ביטחון

## חרושת חמרי נפט בע״מ
מוצרי נפט והנדסה כימית בע״מ

תעשית חמרי נפט אזרחיים
ואביזריהם.

המשרד: תל־אביב, ת. ד. 1363
טלפונים: 65402, 62741


ס׳זענען דערשינען יזכור ביכער
פון די וואלינער קהילות:
דובנא, לודוויפאל, הורוכאוו


אדרעס:
איגוד עולמי של יוצאי ווהלין
ת״א, שדר׳ רוטשילד 30, ת.ד. 2540,



דפוס „המצודה״ בע״מ, תל־אביב
רח׳ המלך ג׳ורג׳ 38, טלפון 229112



אגד



ISRAEL IS YOURS WITH EGGED TOURS